STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03001

BLUTVAYN

Aaron Jacob Krisofsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



פארלאג „ימיינאנגלימילי“
249 איסט 13טע גאס
ניו־יארק

פרייז 2 דאלאר

A. J. KRISOFSKY

BLUT-WINE

Copyright, 1933

By A. J. KRISOFSKY

טאָװל געצייכנט פון אויטאָר

Published by

"IMAINANILIMILI"

249 East 13th Street

New York, N. Y.

ביכער פון א. י. קריזאָװסקי (אַנאָנסירט אַף דער לעצטער זייט)

צום פאַרקויף אין:

מ. מייזעל'ס בוך־געשעפט, 424 גרענד סטריט, ניו יאָרק.

בידערמאַנ'ס בוך־געשעפט, 182 צװייטע עװעניו, ניו יאָרק.

יאַנקאָװיטאַש'עס בוך־געשעפט, 181 איסט בראָדװיי, נ. י.



געזעצט פון י. בוראַקאָוו

געדרוקט אין דער אַסטאָריאַ פּרעס,
61 איסט 4טע גאַס, ניו יאָרק.

דערקלערונג

יאָ, פּיין אויסגעפּירט — מיקען נישט זאָגן! בין פון אַלעמאָל געווען אַ דס־שונא פון פּאָרדעס, ווייל כיהאָב צופיל ליב דעם סאַמע עיקר — און דאָך — ווי, צו וואָס איך בין געקומען! — בין איך איצט געצוואונגען גאָר אַליין מיט אַ פּאָרדעס קומען; —

די טראַגעדיע פון דער קאָמעדיע איז, וואָס די טראַגעדיע איז צו קאָמיש און די קאָמעדיע צו טראַגיש, און — פאַרשטייט זיך — ווי פאַר וועמען; —

דורך די אַלע יאָרן, וואָס איך האָב זיך, אַזוי־צו־זאָגן, אָפּגעשטעלט פון הינטן און בין געבליבן אַ פאַרשטעלטער פון הינטן, אַלס דער אַזוי שווידערלאַך ניט קיין געדרוקטער, אַלס דער ניט־אַריבערגעשפּרונגענער — אַ צעימטיתט־צעבלוטיקטער מיט מיין דיכטער־קאַריערע אַף דער דרויסנדיקער זייט פון דער וועלט־באַריערע — און פאַרוואָס האָב איך ניט געדרוקט? („גלויביץ" מיר, נאָך אַ סך ערגערע לידער פון מיינע האָט מען געדרוקט, און אַפילו גראַפאָמאַנען, און אַפילו אין די „אַנטשטענדיקסטע" זשורנאַלן, און דאָס איז — צייט די וועלט שטייט — הימל־שרייענדיק וועלט־באַוואוסט). נאָר ניט געדרוקט האָב איך צוליב אַ סך סיבות, און נישט נויטיק צו דערקלערן — דעם ענטפער קען מען געפינען אין מיינע לידער גופא — און מימוז זיך ניט פאַרלאָזן אַף מיר אַליין — מיקען דאָך געבן אייגענע אויסטייטשונגען אויך, אַפילו די שענדלאַכסטע — (אָט למשל — עס וועט זיין שענער פאַר דער וועלט, אַז מיר וועלן זיין נאָמען ניט אויפירן — באַוואוסט באַ אונדז אַלס דער „וואַלענטינאָ", פון הינטן אין דער 13טער גאַס־קאַפיי, וואָס שרייבט זיין פּראָזע אין שטייפן קאָלנער פון געקראָכמאַלעטן פאַרמעט פון — וואַלענטינאָ־שאַבסאָוויץ־ספר תורהילע־סטיל [פאַרשטייט זיך, צוליב פּאָזיכטיקייט, צו פאַרדעקן אַז ער איז — און שטאַמט פון שניידעריי] האָט זיך נעכטן „דערקלערנדיק" מיט מיינער אַ באַקאַנטער דאַמע, „דערקלערט", אַז מיהאָט מיך אַפילו אין דער „ליטעראַרישער משפחה" ניט „אַריינגענומען"—ווי איז דער וועלט!...) ווי געווײנטלאַך — אַף דער ליטעראַרישער בירזשע, אַרום די קאַפע־טישלאַך, פון וואַנען דער העכסטער דרוק פון דרוקן לאָזט זיך אַרונטער אַף דער וועלט, וואו די דיכטער־מאַסן (ניט די מאַסן דיכטער!) זיצן און קראַצן זיך איינע די אַנדערע — פון דאָרטן, פון די וואַרימע ביינקלאַך־דרוקן און האַנט־דרוקן, גייט עס האַנט אין האַנט מיט שורות־דרוקן.

נאָר, צי טראַגיש, צי קאָמיש—דער פאַקט בלייבט—פאַקט, אַז מיינע לידער און פּאָעמען זיינען דורך די יאָרן כמעט פון אַלע דיכטער געלייענט געוואָרן אין מאַנוסקריפּט. זיי פלעגן אַ זיפץ טאָן: אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס איך דרוק נישט! צי ווייס איך כאָטש וואָס איך פאַרמאָג: „אַ גאַנצן עסענץ".. „געקענט מאַכן פון איין ליד — אַ גאַנץ בוך!" פון דער שורה —„אַ גאַנצע פילאָסאָפיע". און זיי האָבן געדרוקט און געמאַכט אַלץ וואָס זיי האָבן געקענט און וואָס סיהאָט זיך געלאָזט. און אַנדערע, ווידער, פלעגן קומען מיך אויפמערקזאַם מאַכן אַף דער ענלאַכקייט פון דעמס און יענעמס

געדרוקט ליד צו מיין מאַנוסקריפּט, און איך פלעג ווייטאָקדיק שמייכלען:
— יאָ, ווי די מאַמע זאָגט: אַז מיגיט ניט יעקבין, גיט מען —עשוין.. —
און געוויס — איך ווייס: ס׳איז — אי קאָמיש, אי טראַגיש — צו
שרייען „קאַראַול!" „באַיגנביעט!" און איך וואָלט אפילו די דערקלערונג
דאָ פאַרשפּאָרט. נאָר חברים קאָלעגן פאַרזיכערן מיר, אַז — פאַרקערט:
יענע וועלן נאָך שרייען: „קאַראַול!" אַז איך האָב נאָך, הייסט עס, גאָר
„ז י י באַיגנביעט"... און דעריבער בין איך געצוואונגען אָט די שורות צו
שרייבן, כאָטש עס קען זיין, אַז ס׳וועט ניט העלפן — מיעט מיך נאָך
„שלעפּן צו מענטשן" אויך — און, באַהיט זאָל מען ווערן פון מענטשן,
ווייל פון מענטשן האָב איך נאָך, אַ דאַנק השי״ת קיין גערעכטיקייט
קיינמאָל נישט געקראָגן, און ס׳וואָלט געווען ניט מענטשלאַך און — נאַ־
טירלאַך — ניט נאַטירלאַך, און דעריבער אומבאַרעכטיקט, צו קריגן גע־
רעכטיקייט... שוין טויזנטער יאָר האָט אַף דעם דער נביא „געזאָגט און גע־
קלאָגט". און אויב עמיצער קען האָבן אַ באַגריף ווי עס עקלט מיר אָט דאָס
דאָסיקע אויפצורירן — דער וועט האָבן אַ באַגריף פאַרוואָס איך פאַרענדיק
ניט פאַרענדיקט

עס איז אויך נאַטירלאַך, אַז אַנדערע פון מיינע קאָלעגן, ווידער, זאָלן
שמייכלען אין בערדל, אַז עס איז באַ מיר אַזאַ „קראַנקשאַפט" צו מיינען,
ז מען באַיגנביעט מיר.. יאָ, איך ווייס, אַז עס קען זיין, אַז איין דיכטער
אין כינע זאָל זאָגן אַ ענלאַכקייט מיט אַן אַנדער דיכטער — לאָמיר זאָגן —
פון ווילנע. אָבער — דאָנער וועטער! עס האָט נאָך געמיינערס געטראָפן:
גראָד איז מיר אויסגעקומען אין אַ געוויסער שטאָט צו וואוינען בשכנות
מיט אַ געוויסן „דיכטער"; און איינמאָל כאַפּ איך זיך, אַז עס איז מיר
פאַרלאָרן געגאַנגען אַ סעריע לידער, וואָס איך האָב געהאַט ערשט אָנ־
געשריבן, און שפּעטער מיט עטלאַכע יאָר פאַרעפנטלאַכט יענער זיינע לידער
מיט אַ שטאַרקער ענלאַכקייט פון מיין יענער פאַרלאָרענער סעריע ס׳איז
פאַר מיר אוממעגלאַך צו דערמאָנען זיך די גאַנצע סעריע, אָבער אַלס ביי־
שפּיל וועל איך פרוואון איבערגעבן איין פראַגמענט, איבערהויפּט פאַר דער
כאַראַקטעריסטישקייט פונם סוף, וואו עס ווערט געזאָגט וועגן: „דער
ציפער־פאָרמע — 8":

אין סדום

יאָ, צוגעפּאַכט בין איך, צום לאַנד, —
ווי יענער גאַסט, צום בעט פון סדום...
אך ,וואָסער פייער, וועלכער בראַנד,
האָט מיך אהער, אין סדום געבראַכט? —
אַ לייב אין שטייג, אַן טרערן, — ווייו,
שווייג־אויס מיין פּיין־געשריי אין תהום, —
אַ לייב אין שטייג, פאַרקריצט די ציין,
לויף איביק אום דעם ציפער — 8 — — — —

—::—

„יאָ! — פּיין אויסגעפּירט, מיקען נישט זאָגן!" — — — —

II

פאַרן אייביקן אויטאָ־דע־פע

(דאָס וואָרט פון דעם מענטש — דער גאָט פון דער ערד)

און שטערן שייַנען, שטערן לעשן זיך און פאַלן; —
און דורות קומען, דורות גייען זייער גאַנג, —
דאָך אייביק, אייביק פּרעפּלען זיי, די קאַרדינאַלן,
באַם שייטער־פלאַם, מיט פייער־גאָפּלען, פייער־צוואַנג...

עס בייט זיך אויך דער גאַנג פון שטערן — זון־סיסטעמען,
און וואו אַ באַרג געווען — אַ טאָל, און וואו אַ טאָל — אַ ים.
און צייטן בייטן זיך, אידייען און עמבלעמען, —
דער שייטער־הויפן — קיינמאָל לעשט זיך ניט זיין פלאַם!...

און אייביק איז אַזוי געווען, אַזוי איז — אייביק.
און — „שעה די רגע זאָל נישט זיין" — ס'וועט אייביק זיין?
און ווער עס דינט ניט קאַרדינאַלישן „סילעבטאַייביק" —
וועט מאָרגן שוין ניט זען דעם מאָרגנ'ס זונען־שיין. — — —

וועט מענטשן־סטאַדע אייביק „מעקען" נאָך אַ מושל,
אַף אונדזער ערד, — דער בלוט און טרערן יאָמער־טאָל?
וועט אייביק שטויסן אונדז, דער „אויבערשטער פון שטויסל"?
מיליאָנען מאָל, אונדז מאָלן, מאָלן אַלע מאָל? —

נאָך צעזאר — צאַר; נאָך צאַר — קומט פיין און צער פאַרבקייבן
דער קריוודעס־אָננעמער פון „אויבערשטן" — אַף דר'ערד...
ער ברענט און בראַט, דעם גאָט פון דר'ערד, וואָס וואַגט — ניט גלויבן —
אין: „ווייסן־העמדל", „שוואַרצן־אָדלער", „צלם־שווערד"...

און נאָך און נאָך, — ווער קען זיי אַלעמען גאָר ציילן, —
די „אויבערשטע", אַרויפגעכאַפּטע אַפן פערד?
די שווערע מכה, אַפן האַלדז — וואָס, ווער קען היילן? —
עס יאָמערט אונטער זייער פּאַדקאָווע — די ערד...

I

די קאַרדינאַלן שטייען שטאָלץ, אין גלאַנץ פון פורפור,
פון אויבן — שטערן, אונטן — ליכט, א ווינטל — שטיל...
די זאַטע פּנים'ער, באַם אָפּגלאַנץ־פּלאַם, ווי קופּער,
און אַלץ איז גרייט, צום ריטואַל — טעאַטער־שפּיל...

טעאַטראַליש־מיסטיש, מיניעט זיך דער שייטער־הויפן,
אַף די, וואָס מצוה'ן זיך מיט וואַרפן שייטער האָלץ,
אין פרייד, מיט אָפּגלאַנץ־פּלאַם געפּרעסן, בלוט־געזויפן,
ווי קינדער, שטאַרק פאַרפּלאַמטע, בלישטשען זיי פאַר שטאָלץ...

מער האַלץ! — ברומט אויס אַ באַס. — עס טאָר קיין האַלץ נישט פעלן!
דער שפּאַס־פויגל, אַפן נאַענטן בוים, גייט אויס אין טרעלן: —
זיי גרייט, זיי גרייט, נשמה־פײַנער, זיסער בראַטן,
פאַר דעם נשמה־פרעסער, זיבעטאַלבן הימל־טאַטן.

און זיי, די נפילים — הימל־שפּיאָנען, גאָט'ס קאַסירער,
באַוואָפנטע, מיט צלם־תשובה, צדקה־שווערד,
דעם הימל'ס נשמות־אײַנמאָנער, פון אונדז מאַרטירער,
זיי פאַרבן מיט די קינדער'ס בלוט, דער מוטער (ערד)...

און איך, דער ספרד, אַ לעבעדיקער עדות נאָך,
אַן אייניקל, אַ ווייטער, פון אַבאַרבאַנעל,
אַן אייניקל פון יענעם ווייטן ייִדנ'ס בראָך,
פון כאַאָס־פלאַם, נאָך אַלץ — רײַס, שרײַענדיק מײַן קעל: —

... אהער! איר קאַלאָסאַלטשיק־קריכערלאַך! געשווינטער,
איר פײַער־לעשער פון דער פרידלאַך־פוילער וועלט!
די קאַלאָסאַלטשיק־נאַפּאַלעאָנדלאַך, וועלט־אָנצינדער,
פון אײַער וועלט האָט אונדזער וועלט די וועלט פאַרשטעלט!

און איך, — וואָס שלעפּט „אים" פאַר די הערנער, צוריק אַהין, —
דעם „שעיר־לעזאזל", פון דעם באַרג־שפּיץ, טיף אין טאָל. —
צו „מעלקן" אים, — דעם זינד־באָק, אין דעם כאַאָס־זין, —
פון אײדערן אײדער, פאַר דעם פריער פון אַמאָל...

אהער! עס צאַפּלט זיך אין פלאַמען אונדזער וועלט, —
איר פרעמדע וועלטן־שטערן־ציילער — מאַטעמאַטיקער...
ווען צאַפּלענדיק אין פלאַם, גייט־אויס די וועלט — פאַר קעלט,
בלאָזט איר, מיט ווינט־גראַמאַטיק — חכם־עתיק׳ער!...

אהער, ווען ס׳זינקט די ערד, אין זומפּ, — ווערט איר פאַרשוואונדן;
מיין מאַרך ווערט אויסגעזויגן פון דעם כאַאָס־זין,
פאַרשפּינוועבט, אונטער אָט־דער זון — די גאָלדענע שפּין; —
אהער! עס פריירט און ברענט! — מיין מאַרך איז אָנגעצונדן!

ס׳איז אייער וועלט, איין לאַנגווייל־פּוילער ים־הקרח, —
מוזט איר, פאַרוואַנדלען איר, אין אַ טעאַטער־פּלאַם,
דער גאַנצער פוילער מענטשן־מין — איין געץ־און־תרח,
און ס׳כוואַליעט זיך באַם פּלאַם, דער געץ־און־תרח־ים...

פון מעקעדיקע לעמער, מעלקעדיקע רינדער,
פון זינדער־זינדלאַך, וועלט־פאַרשלינגער, קוילער, שינדער,
אָן הערצער, שורה־בורע דיכטער, קילע לעזער,
מיט בולבע־אויגן „זעען" — ביז די בלעכענע נעזער...

אהער קומט, שדים! כת־ליצנים! העלפט מיר לאַכן, —
לאַכן, לאַכן — אַזש די הימלען זאָלן קראַכן; —
ווען ס'קראַכט דער דאַך, דער פלאַם, קלאַפּט אָן אין פענצטער, טירן,
און ס'רופט מיין אָפן־ברייטע וועלט, מיט פעלדער — שליאַכן; —
און זיי — אין פלאַם צעטיילט — פּאַרטייען, — דעבאַטירן!

מיט ברוך־בענדער, באַקרוינט די קעפ אייך, — דומפּיק־שטומפּיק,
איר מאַכט, — ניט בלויז די ערד — נאָר אויך דעם הימל זומפּיק!
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —
מיט טינט־פאַרשמירטע הענט, זיי ווארפן שורות — האָלץ,
באַם רויכערדיקן פייער, בלישטשען זיי פאַר שטאָלץ. — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

II

און אויפגעפרעסן ווערט מיין ערד, פון ווערים, פראַנצן,
צעפוילט, פאַרברענט ווערט אַלץ, וואָס איך האָב דאָ געבויט, — — —
און ס'ווינקט דער פלאַם: אַ שפרונג! מיט מיר אַ לאָז זיך טאַנצן!...
אין פלאַם, מיט פלאַם דעם טויט פאַרטאַנצן — ביז צום טויט...

אַ טויט — צום טויט! זאָל לעבן — ס'לעבן — בראַנדיק יונג!
אַזוי! אַזוי! אַ, לעבעדיק! פלאַמיק! מיט התלהבות;
אין הימל טיף אַ שפרונג... אַ פייער ליד אַ זונג!
און — פליסט, דורך וועלטן, הויך — אַף פייער־גאָלדענע פּאַוועס. — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

III

שוואַרץ־האָריקע, גאָלד־האָריקע, חלשות־העַנט,
זיי שטרעקן זיך: צעכראָמסקען מיך, צעקייען מיך,
אין שוואונג, מיט אַפּן־ריטמישקייט, צו מיר גענענט,
מיך — לייב־און־זעל געבונדענעם — באַשפּייען מיך. — — — —

זיי רייצן אָן אַף מיר די „זון־מבינים”, „שטערן־שאַצער”,
וואָס שטופּן מיך: — צי כ'האַלט די פּראָבע — פאַרן פלאַם,
זיי רייצן אָן אַף מיר, די שרייער, „בראַוואָ־פּאַטשער”,
די רויע, שווערע מאַסע־קאַשע, תם־אָן־טעם.

וואָס טויג אַף קלאָגן: „נעבאַך, גאָט די נשמה שולדיק”...
מען דאַרף איר נעבאַכ'ן און גלעטן, האָר־אַראָפּ,
גערולדיק חנפה'ן, קראַצן איר, ביז זי — גערולדיק, —
גיט אָפּ דעם קראַצער, כ'לעצטע ביסל גוטס און האָב...

דער סך... — די אָפּנאַר־נוס מיט ביטער־פולוער קאַרגקייט,
וואָס טוט אַ סך און אַלץ אָן האַפּט, כאָטש נעם — און לאַך.
איר זעלן־שוואַכקייט פרעסט, פאַרצערט, איר קערפּער־שטאַרקייט,
וואָס פּרוכפּערט־סך, און — אוים! — מיט איין קאַנאָנען־קראַך.

זיין האָהייט: „קיניג גאָרנישט־און־קאַנאָנען־פּלייש״,
צו זעהן — פּויל, צו הערן — טויב, ווי פּוילע האָלץ,
פֿאַרבייט אַ גימל (ג) אַף אַ נון (נ), אַ דלת (ד) אַף אַ ריש (ר),
און דאָך, אַף זיין צוויי־פּיסיק־„מענצלקייט״ אַזש — שטאָלץ...

און „שטאָלץ־געפאַלענע״, דורך לאַנגע קייטן־טעג,
אַף קרומען וועג, דערשלאָגן, פּויל, מיט מכות, קרעץ, —
זיי שלעפּן זיך — אַ זשאַווער־קייט, אַף פֿאַלשן וועג,
איין טייל — פֿאַר מאָגערקייט, איין טייל — פֿאַר צופּיל פעטס.

פון לאַנגע דורות אומגערעכטיקייט־ירושה־וואונדן,
צום הימל שרייעדיקע, קרומע רוקנס, הויקערדיק,
און — מיט דער וועלט־שאַנד־גוואַלט צעבליטע בושה־וואונדן,
רויזן — עקלהאַפטע, בלומען — אייטערדיק...

זיי לערנען שטרוי — נאָר ניט דעם ווייץ — אומוויסנדיקע,
און שרעקן זיך פֿאַר שטרוי־סטראַשידלעס, — געץ־פֿאַנאַטיקער,
פּחדנים, — חנפה'ן זיי, די מאַכט־פול־שיסלדיקע,
וואָס זשליאָקען פון דער וועלט, די גאָלדענע פּאַטיקע...

און בלויז מיט מארך — אין פוקס־טראָט־טאנץ — צום קינדלען — קינדער,
וואָס מוזן פיקסיק־כיטרער נאָך פון גרויסע זיין,
וואָס מוזן פאַרזיכטיקע „זעהן", ווי דער בלינדער,
און מיטן שטעקן „טרעפן" פונקט אין גרוב אריין.

מיטן שטעקן טאפן, טרינקען זיך, אין ים פון חשך,
אין שאול־תחתיה, פון מלחמות און מגפות,
פון קלעפיק־ווערימדיקן שלעפערישן מושב,
פארפוילטקייט, טריקעניש, פארפלייצונגען און שרפות...

IV

פון אלע מיסטן, וועל איך אייך צוזאמען קלייבן —
ביז, בלינדקייט פון דער וועלט, — דערזעט, פון וועלט די שיין! —
מען קען דאָך אייביק „קאָפּ אָן וואַנט" לעם וואנט נישט בלייבן! —
עס מוז צום אומוועג־אומגליק, דאָך אַן אויסוועג זיין!...

... און, ווי ס'גענזאנג פון טאנקעם טיפע ערד־געדאנקען,
הויבט אויף דאָס איינגעפרוירן פעלד און, פראָסט — פארזייט,
אזוי צעאקער איך, אין אייך, מיט ערד־געזאנגען,
אז, אויפגיין — זאָל אין אייך, די זוניק־פראָסטע קווייט...

און ווען עס שרײַט מײַן הארץ און בלוט: איר שוואַרצע ראָבן, —
אַנשטאָט צו קראַקען, שותפות מיטן מלאך־המות, —
זאָלן, אײַזן־לידער־טאַנקעס — בעסער גראָבן
וואַסער־ווענן, איריגאַציעס, פעלד־קאַנאַוועס!

און זאָלן הויך און שטאָלץ, — אין שטעט און לענדער — קלינגען,
אַנשטאָט פּאַרפּלײַצונגען און טריקעניש — קאַנאַלן!
און פֿאַרן לײַב־און־זעל — זאָלן הויך און לױכטיק זינגען,
עלעקטראָ־שטערן, — רעגנבויגן־וואַסערפֿאַלן...

שטאָט בלינדער מסחר־קראָט, זאָל בליען — גאָרטן־שטאָט,
פֿאַר נוץ און פּוץ און אַרבעט — שפּיל. זאָל מענטש זײַן — גאָט.
זאָל פֿאָלק, בײַ פֿאָלק, זיך פֿרײדלאַך שפּיגלען אין די אויגן,
אין וועלט, פֿון פֿאַרבן־אויפֿגוס־שפּיל, — פֿונעם רעגנבויגן...

און פֿעלקער, שפּראַכן — מאָנבלום־גאָרטן פֿון דער וועלט —
טוז — קענגן זון — אַ לאָז זיך קינדער אין אַ טאַנץ...
און וואַקסן גאַנץ, זאָל וועלט'ס צעבראָכן לײַב און זעל,
און בליען זאָל אויף מענטש־גאָט־וועלט, די שײנקייט־פּלאַנץ...

V

כאַ־כאַ! — איר ציטערט?! — סיי די לעמער — סיי די שעכטער —
אָן שרעק: — די חתימה — פלאַם! — דער גורל פון באַפרייער!
איך — ברען נאָך פייער! — מ'קען דאָך שטאַרבן פאַר געלעכטער: —
מיך — פייער — שרעקט איר: — פייער! פייער, — לעבט — אין פייער!

און לאַנג נאָך דעם, ווען איך וועל זיין פון אייך פאַרברענט, —
וועט אייביק שרייען אַלץ מיין בלוט צו אייך: „ארויס!"
עס קראַכן פון דער וועלט די ברענענדיקע ווענט,
דער באַלקן קראַכט פון אייער וועלט — דאָס פוילע הויז!" — — — —

און ביז ס'וועט קרומע האַנט, פון אומגלייכהייט אױף דר'ערד,
דער וועלט ניט אויפהערן צו מאָלן אין איר מיל,
און ביז מיין פלאַם פון האַרץ צעשמעלצט די לעצטע שווערד,
וועט אַלץ מיין שטורעם־שרייאיק בלוט ניט שוויגן שטיל...

———::———

איז קוקן זיי מיך אָן מיט בולבע־אויגן — שטומפּיק,
און — מאַכן זייער זומפּיק וועלטל נאָך מער זומפּיק...

VI

איך זיץ אין תפיסה. — — — יעדע נאַכט — פון קייט און קנוט,
אַ מייזל קומט, עסט פון מיין האַנט — מיין גאַסט, — מיין פריינט,
און זיי — ווייל כ׳האָב זיי ליב — פאַרגיס פאַר זיי מיין בלוט,
פאַרוואָס־זשע זיינען זיי אַזוי, אַזש — כ׳האָב זיי פיינט?!

צום הימל, אויבן, איז מיין בענקשאַפט־בליק געווענדט,
ווייל ס׳האַרץ — עס פרעגט: וואָס איז זיי, אונטן דאָ, באַשערט?
דאָך שיינט מיליאָנען־אויגיקער, אי ווייט, אי פרעמד,
און דינען — — כ׳דין צום מענטש, — מיין קינד פון גאָט פון דר׳ערד.

פאַר וועמען דאַרף איך דען מיין בלוט, אַז ניט פאַר זיי? —
כ׳האָב קיינעם ניט חוץ זיי — אַ קלאָג איז צו מיין בראָך!
עס איז מיט זיי, די ערד מיר שווער און ווינד און וויי,
דאָך, אָן זיי — קראַנקע, — ווי דער מאַמען — שווערער נאָך. — — — —

און שלעפ איך אָפּגעלאָזטע זיי, פון זומפּ אַרויס,
אוי — לאָמע, שווערע, שלעפ איך זיי, אויף מיינע פּלייצעס,
איז — בייסן זיי זיך איין (די שרעק־ און קנאה־רויז),
און פון הינטן, גיבן זיי מיר פודן עצות:

... שוין צייט פאַר מיר — צו שמד'ן זיך... — — צו זיין אַ — איד,
שוין צייט פאַר מיר, זיין ליטן־גליך: אָט קוק־אָן זיי,
שוין צייט מיר, זיך מיט זיי פאַרגלידערן — איין גליד: —
זיך איינשליסן אין דער פאַראַפּיע — אין פאַרטיי...

און פרעגן (שפּריצנדיק מיט שפּייאַכץ) זייער אידל:
פאַרוואָס פאַר'סמ'ען אין „דיין" לאַנד זיך די פּאָעטן? —
צי קען עס זיין — צוליב אַ „ליבשאַפט" פון אַ מיידל?
צי קען עס זיין — צוליב דער פיינדשאַפט פון סאָוועטן?

און — טאַקע, טאַקע — שוין פאַראייגוועגס, אַף טשיקאַוועס,
צי קען איך זיי ניט זאָגן — ביטע — ווער עס האָט —
(דאָ שמעקט מיט דופט פון אונטער־קלויסטערשע קאַנאַוועס)
פאַרראַטן און געקרייציקט יעזוס, דעם הער גאָט? —

— יאָ — שפּאַס איך בלוט־וויניק: ביז דאָרט, אין „מיין" סאָוועטן,
מ'וועט אויסקאַמען אייך, קרייציקער (כ'ווייז אָן אַף זיי!), —
וועט מוזן זיין נאָך צו די אמת'ע פּאָעטן,
אַזש יאָמערלאַך, אַזש יעזוסדיק, און — אויך אַזש ווי!...

פאַרצווייפלען זיי: צי דאָס איז פעפער? צי ס'איז זאַלץ? —
כאָטש ביים זיך איין, דעם טעם פאַרזוכן — אין מיין האַלדז...

און כדי צו זיין באַמערקט, שפּרינגט אויף אַ קלײנער זשוואָווער: —
וואָס פּאַסצעך דאָ אַריינעט די סאָוועטן — „חבר״? —

— גערעכט... פיליײכט... — כ׳האָב היינט געלערנט פון אַ פויער...
אַ — — — פוי—ער?! — רייסט אַ „חבר׳טע״ מיך איבער — זוויער,

ווי ס׳איז שוין באַלד אַ שאַנד אויך זיין אַ שוועסטער־קינד...
און ס׳„חבר׳שאַפט״ צערינט, ווי הויפנס בייזער ווינט. — — —

און מיטן שוים און גיפט, פון ברואים וואָס אָן קעפּ,
איז קאָכן זזזיי, איז ז־ז־זז־זזזידן, זזזידן זזזיי ווי טעפּ:

צוקלוימערשט, מיטן „שוידערלאַכן״ דונער־הילך
פון דער „טראַגעדיע״ פון — „דער אויסגעלאָפּענער מילך״: —

אַז ס׳בין איך, — דער „אַנדערשדיקער״, „איינצלנער״, „אַליין״!
ס׳בין איך — ס׳„מע״ קען אַוי פאַרדריסלאַך ניט פאַרשטיין.

אַהאַ! — איז יאָגן זיי מיך, און זיי פּילדערן, שרייען, —
נו, זאָג שוין אויס, משוגענער! וואָס ביסטו? — ווער?
אָהאָ! — איז שלאָגן זיי מיך און זיי ווילדעווען, שפּייען, —
גאָר אָן אַ גלויבן? אַ גע׳שמד׳טער? — צי אַ גר?

קוקט׳ס אָן — שרייט איינער: — ר׳איז אַן אָפּגעווייסטער נעגער!
שרייט נאָך איינער: — אָט־דער? — אַ צווייפלער, קשיות־פרעגער!
און עמיץ — שטשירעט אין דער נאַכט מיט ציינער ווייסע: —
קומט׳ס! — עסט אים אויף, דעם אָפּגעשוואַרצטן, ביטרן ווייסן!...

און עמיץ, מעקעט אין דער נאַכט אריין ווי אַ קעלבל,
יאַנקל־אדאָלף! מאַכמעד־לודוויג! ס׳פריינטל דיינער!
זע נאַר, זע, דער — צאַדיקיטשי, לאַמעד־וועלוול,
אָט־דער — מישיגינער־בן־באָקן־ציגינער, ציגיינער! — — — —

און ער — „דאָס פריינטל מיינס" — קוועלט אָן מיט גאָלדענע ציין,
און ווייזט אַף מיר: — אָט־דער־אָ טרויעריקער ליץ?
דאַלאַנגט! דאַלאַנגט! און לאָזט אים ניט קיין גאַנצן ביין!
ש׳קאַ׳מורא׳ניש! ס׳דערלויבט אפילו פון געזעץ! — — — —

און איינער — אַזאַ שטילער, מיד און שטאַרק־באַלעזן,
און מיטן „פיין־שמעק" פון „גרויס־שטאָטישקייט" (אין יול...),
ער, — אַלס דיכטער, — ווייס ער ניט „וואָס מ׳מאַכט פון מיר אַ וועזן",
און ער, אַלס בוכהאַלטער, בין — לויט זיין חשבון — נול...

שרייט איינע, מיט אַ קוויטש אַף שפּאַניש — „אַנטיקריסט!
פאַרברענען און אריינוואַרפן אַהין, אין מיסט..."
און איינע, — זייער טיף־זינדיק, גערעקאָלטירט,
אָקטיאָריש־פאַלש, מיט קונסט־פאַרפירערישן רייץ,
און האַלב אַף האָך־דייטש, האַלב־פראַנצויזיש — דעקלאַמירט: —
דו קריסטוס דו! דו יודאַס דו!! — צום קרייץ! צום קרייץ!...

און אָט־אָ — לויפט אַ שטאַרק־פאַרפלאָמטע חתן־כלה,
און — ווי פון פריילאַכקייט, זיי שרייען גלייך מיט אַלע: —
אַ ניהיליסט! אַ קאָמוניסט! אַ סאָציאַליסט!
אַ משיח־שניידערל!... אַ ביגאַמיסט!... אַ יידישיסט! — — — —

די מצוה'ניקעס, ווארפן צו צום פייער האָלץ,
ווי קינדער שטאַרק־פאַרפלאַמטע, בלישטשען זיי פאַר שטאָלץ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

... און פּלוצלונג — גאָר א נייע כוואַליע טוט א פלייץ,
געווענדט צו מיר, פאַרפרעמדטע זאנג, פון זייער ווייץ: —

— אָט איז ער, דער בורזשוי! דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער! —
— פאַררעטער! צום ווענטל! קאַמעראַדן! אויף — פלעבייער! —
— אהער! — אהער! — צום רעוואָלווער! — מיליציאָנער! —
— שטייט אויף, איר אַלע ווער ווי שקלאַפן, רויט־אַרמייער! —
— ביסטו מיט אונז? צי קעגן? — שמייכלט... רעדט גאָר ווייניק... —
— נו קוקט'ס אים אָן, אים שטייט ניש אָן, דער בלויער האָן. —
— א פּאַטריציער און — א מין פאַר־זיך־אַליינִיק. —
— נו, לאָמיר זען, צי קען ער קושן רויטע פאָן... —
— נו — ווער קען וויסן?!... רעוואָלוציע־צייט אזא... — ווער וויים? —
— אָט — קאַמעראַדן, לאָזט אים, ס'עפּעס סתם — א יאָלד אזוי. —
— יאָ! — קושט די רויטע פאָן! און — קושט מיט טרערן היים! —
— און — אפשר גאָר א מענשעוויק — א ראָזע פלוי! —
— געהערט צו קיינעם ניט... צו אים געהערט נישט קיינער... —
— אזא מין „וועלט־שמערץ" — עפּוש'דיקער „טעלעגענט". —
— נו, סתם אזוי זיך אין א סאַמעט רעקל איינער. —
— וואָס קראַצט מאַזאָליעדיקן האַרץ מיט „צאַרטע" הענט. —
— טו אָן א לעדער־רעקל, און — — די וועלט זאָל זיין באַפרייט! —
— א שאָד די קוילן! לאָזט אים פוילן — ש'טאָ קיין צייט! —
— ... אף זאַמד, אין וועג, פאַרפרעמדטע זאנג, פון אונדזער ווייץ... —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און — ס'טוט פאַרמרעמדטע כאַוואַליע צוריק פון מיר א פלייץ.

קינדער שטיפער, ווארפן צו צום פייער האָלץ,
פארפלאמט אין שפיל, פון „גרויסע", גרויסלען זיך פאר שטאָלץ.
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

קומט איינער צו, מיט פינטלדיקע קינדער־אויגעלאך, —
לויפנדיקע, בלאָע, וואסערדיקע גלעזלאך,
ס׳פאררייסן נעזל, וויל פאררייסן מער — נאָך פויגעלאך,
נאָר ס׳האלט די ליפ און — לאָזט ניט מער פאררייסן ס׳נעזל. —

א קנעכט ערשט נעכטן, לכבוד פייער־טאָג — היינט פריי. —
געוואגט, דאָך — ניט אזא געוואגט, פארשייט־נאאיווער,
פוצט אָפ מיט קרייד די מעשענע קנעפ, אזש — בלישטשען ניי;
שפרינגט צו און — טוט אף מיר א שפיי: — „דו זשיד פארשיווער!"
און ס׳גלוסט זיך אים, א לייג טאָן מיך, און — האָפ־טשיק־טשאק, —
אף מיר א טאנץ טאָן, לעבעדיק א קראקאָוויאק! — — —

און איינער, מיט א שווערן פאק און שווער געמיט,
קרעכצט הייזעריק, מיט טרערן, בלוט: „דו אנטיסעמיט!"
דו עוכר־ישראל! — — — האָט נישט, פריצים, קיין פאריבל,
און לאָזט מיר קושן אייערע הויכווירדיקע שטיוול...

און ס׳יאָמערט שווייענדיק צו מיר זיין טרערן־בליק,
אז — דאָך בין איך אים, טיף אין הארצן, בלוטיק־טייער...
ער פאָרשט צום הימל: — שיין, אָן וואָלקן — טרויעריק...
און — ס׳גלוסט זיך אים, — כאָטש „משתין־זיין" דאָס הייליק פייער...

אַון אַלע טאַנצן אַרום מיר אַ קאַראַהאָד,
(כ'מוז מודה זיין: — דער גאַנצער מאַרך ביי זיי — אין טראָט.)
„טאָט־טאָ! — טאָ־טאָ! טראָט־טראָט! אָט־אָט־אָט־אָ:"
„ס'איז ער וואָס וואַרפט אונדז אונטער טריפה פּראָקלאַמאַציעס,
ס'איז ער וואָס קוילעט אונדזערע קינדער פאַר די מצות,
און וואָס פאַר'סמ'ט אונדזערע בידנע פערד און קליאַטשעס"...

„ס'איז ער! פאַרשאָלטענער! וואָס ברענגט אַף אונדז מגפות!
ס'איז ער, — וואָס „מע" דערציילט — פאַר'סמ'ט די ברונימער!
פאַרברענען אים! ס'איז ער, וואָס צינדט באַ אונדז די שרפות
און וואָס פאַרשוואַרצט מיט רויך באַם טייוול אונדזערע פנים'ער..."

— — — — — — — — — — — — — — — —

VII

און ווען דאָס פאָלק צעטאַנצט זיך בלוט־דורשטיק נאַיוו,
און ס'ווערט פון פרייד פאַר'שיכור'ט מער נאָך ווי פון וויין, —
טו איך אַ ריס זיך, ווי אַ פויגל, אימפּולסיוו,
און — אין דער נאַכט, אַ דריי אַרויס, אַ דריי אַריין!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און עלנד — ווי אַ הונט — און ווי אין הימל גאָט,
איך בלאָנדזשע אום אין טיפער נאַכט — דער גאָט פון דר'ערד,
פון אַלעמען געברענט, פאַרשפּיגן און פאַרשפּאָט,
אין ווייט מיין בליק געווענדט: וואָס איז מיין ערד באַשערט?

— — — — — — — — — — — — — — — —

IX

און אין באהעפט־געפלעכט פון הימל־ערד און פינצטער־ליכט,
שטראַלט אויף פאר מיר א יונגפרוי'ס הייליקע געזיכט: — — —
זי מאָנט בא מיר, מיט פיין־צעשטראַלטן ליכט אין בליק, —
דעם חוב פון דער פארפייניקט־צאַפּלדיקער וועלט;

א גאַנצע אייביקייט, — איר שאַרפער אויגן־בליק,
א האַרציקער אזא, און דאָך — א בלוטיק־בייזער...
זי פליסטערט צו מיר: — „... מיט קלויסטערס, איז די וועלט פארשטעלט
פון מיר און דיר — דאַרף ער דאָ קומען — דער דערלייזער..."

„... דו שרעקסט מיין בלוט... דאָך רייצט דיין רעטנישדיקע פרעמדקייט,
און ווי עס ציט דעם פרוכט און בלאַט, צוריק צום וואָרצל,
אזוי האָט זיך אין מיר, — פון קלויסטערשער געשענדקייט, —
מיין בלוט — דורך דורות, פון דיין שטאַם — צו דיר — געקאָרטשעט!...

מיט צופיל בלוט, פארזייט דיין פאָלק אף דר'ערד דעם פרידן,
די קינדער־וועלט, פארשטיינט די פרוכט־געבויגענע בוימער,
האָסט צופיל ליים געקנאָטן, אונטער בייטש פון פיראַמידן,
„זיין" בלוט, דאַרף אויך, מיין בלוט, פון קריגער, רוימער. — — —

צו קינדעריש און כאַאָסדיק, נאָך בלאָנדזשען זיי, —
צו נאָנט פאר זיי — דערפאַר, צו ווייט, — דער גאָט פון דר'ערד.
און זיי, מיט זייער שווערער, גראָער ווינד און ווי, —
האָבן גראָ צו דר'ערד, דיין יונגן קאָפּ אראָפּגעשווערט. — — —

נים „זייערס״ איז דיין לעבן: — זייער קייטן־זשאַווער!
נאָר „זיינס״ איז זייערס! — דיינס און מיינס — אין גאַנצן „זיינס״...
אום ס׳זאָל זיך וועלט, מיט האַפּט באַהעפטן אין איין חבר, —
זאָל רוישן היינט, פאַר אים, אין מיר, דיין בלוט, ווי ווײַן...״
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

——::——

איין אויגן־בליק... — זי וואַרפט אַף מיר אַרויף אַ קלייד, —
אַ צלם און אַ שוואַרץ לאַנג קלייד, פון אַ מאָנאַך,
און — אין המון פאַר׳שיכור׳טן, געפילדער־פרייד,
איך — ווען דער „שוים״ פון מענטשן־ים — דאָס „אויבערפלאַך״.— — — —

„העי, יאָגט אים! יאָגט אים!״... קראַקע איך, דער שוואַרצער פויגל,
און מיט די שוואַרצע פאַלעס־פליגל — כ׳פלי פאָראויס.
העי, יאָגט אים! יאָגט אים! — בליצט זי, מיט די פלאַמען־אויגן,
און דאָס געלאַף איז שווינדלאַך, ס׳געפילדער — גרויס!...

איך ווער דער אָנפירער פון דעם פאַרפירטן פאָלק,
איך פיר, איך פיר! אַ גאַנצע אייביקייט! — איך פיר: —
איך בין דער פעלד־מאַרשאַל פון בלינדן פאָלק,
איך פיר די „בלינדע״, יאָגן זיך נאָך „אים״ — נאָך מיר.
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

——::——

און — פלוצלונג, אַט — מיר שטייען שוין באַם סאַמע טויער,
פון „אל־די־הייליק־נביאים־אָבות״ - קאַטעדראַל,
די שוואַרצע שרעקן־טומאה פאַר מיין שטאַם — דער מויער,
וואו ס׳רינט פון יעדן שטיין אַף אונדז, מיט גיפט און גאַל...

עס ווערט מיר היים, — עס ווערט מיר קאַלט — — אין בלוט באַ מיר
פאַרגליווערט זיך מיין זיידע׳ס בראָך: — די „אָסטאַר־בראַמע״...
דער הויף מיט שוואַרצע תאוה־קלויסטערם אָן אַ שיעור,
דער קאַטעדראַל פון דעם געקרייצטן גאָטס זונס מאַמע...

זי ציט מיך מיט... — „אריין!״ — דעם טויער אַ פאַרפראַל,
און הינטער טויער בלייבט דער טויזנט־קעפּעדיקער נאַר...
זי פירט מיט ציטערדיקער האַנט מיך — צום אַלטאַר, —
און אין געדיכטער פינצטער — תאוה, קלויסטער־לוסט,
טוט העל פון איר אַ בליץ — מיט ווייסקייט אַ צעשטראַל...
זי דריקט מיך צו איר בליציק־ווייס־אַנטבלויזטער ברוסט,
און ציט מיך שווער אַראָפּ, צו מאַריע׳ס פעדעסטאַל...

די לבנה קוקט אַף אונדז, מיט שרעק צום שוואַרצן דיל,
און מאַריע קוקט פאַרשטאַרט צו אונדזער שוואַרצער שפּיל...
— — — — — — — — — — — — — — — — —

זי שטעלט זיך אויף און עפנט ברייט די קלויסטער־טיר: —
„... נאָך קלויסטער־קנעכטשאַפט, גראָבער פינצטערקייט געדיכט,
זאָל אויפשטראַלן געבורט פון גואל'ס פרייהייט־ליכט." — — —
צעשראָקן קוקט דאָס פאָלק — — — זי זעגנט זיך מיט מיר.

עס ווייַנט מייַן בלוט אין מיר: „איך זע איר ס'לעצטע מאָל." — — —
און ס'לעצטע מאָל קלינגט אָפּ אין נאַכט איר מוטער־קול:

„... ווי צום באַפרוכפּערן די ערד, שוועבט הויך דער וואָלקן,
און ווי דער גאָט פון דר'ערד — אָפּ דר'ערד, ברענגט זיין געדיכט,
און ווי די קו, וואָס לויפט פון פעלד, צו זיין געמאָלקן,
און ווי די זון, שיקט אָן געצאָלט — איר גאָלדענע ליכט. —

אַזוי וועט ער דאָ קומען, ניט פון געלט־גוי, געלט־איד,
און ניט פון דעם, וואָס צלם־שווערד האָט אויפגעבראַכט, —
פון דעם וואָס בלוטעט פאַר דער וועלט, — דער וועלט־מענטש, וועלט־איד,
מיט פּיין און פרייד, טראָגט אים פאַר וועלט, מייַן מוטער־טראַכט."
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס קאָרטשעט זיך מייַן בלוט: איך זע איר ס'לעצטע מאָל...
און ס'לעצטע מאָל שלינגט איין די נאַכט איר מוטער־קול.

צעשראָקן קוקט דאָס פאָלק מיט אויגן טעמפּ־פאַרשטאַרט,
און ס'עקלט מיר פון זיי און זיך: — כ'האָב זיי גענאַרט.
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַר פוסטקייט, עלנד — קראַכט פון מיר ארויס אַ בלוט־שטראָם־לאַך, —
ווי פּלאַצן וואָלט אין מיר דאָס גאַנצע אינגעווייד.
איך טו אַ שליידער זיי מיין שווארצן בלוט־שטראָם לאַך,
צוזאַמען מיט דאָס הייליק, שווארץ מאָנאַכן־קלייד.
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'איז ער!! ס'איז ער!! דער אָפּנאַרער! פאַרברענען אים!
פאַרברענען!! — ברענט דאָס פאָלק און קריצט אַזש מיט די ציין.
דאָס אָפּגעגנאַרטע פאָלק איז אַזש פאַר כעס — גרין...
דער הימל, — אויסגעשטערנט, שיין, און בלאָ, און ריין...

——::——

אין פרייד מיט אָפּגלאַנץ־פלאַם געפּרעסן, בלוט־געזויפן,
זיי מצוה'ן זיך און — שלעפּן צו אַ גאַנצן בוים...
טעאַטראַליש־מיסטיש מיניעט זיך דער שייטער־הויפן,
און אַלץ קומט פאָר, ווי אין אַ ווייטן, וויסטן טרוים: —

אָט זע איך איר — די הייליקע, אין טרוים, שטראַלט אויף,
פון דורות קלויסטערשער געשענדקייט, דורך מיין שטאַם,
און אין געשטאַלט פון לויטער גייסט, נאָר גייסט — אָן גוף,
איר הייליקייט, צום הויכן רוים, גייט אויף פון פלאַם..
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

——::——

די קאַרדינאַלן — שלעפעריק, מיד, צעקנייטשט, אין פּורפּור,
אַ ווינטל לעשט די שטערן און די ליכטלאַך... — שטיל...
די מידע פּנים׳ער, באַם אַפּגלאַנץ־פלאַם — ווי קופּער,
אַקטיאָריש־פּאַליש באַם ריטואַל, טעאַטער־שפּיל...

פון הינטער שוואַרצן מזרח־פּאָרהאַנג, בלאַסלאַך־בלאָ,
פאַר׳גנב׳עט גנעניצט דער פאַרטאָג, צו מיר געווענדט;
דער עולם, שלעפעריק, גנעניצט אויס די לעצטע שעה,
אַ קינד צעוויינט זיך, אַף דער מוטער׳ס ווייסע הענט...

דער לעצטער שטערן לעשט זיך אויס באַם האָריזאָנט,
די זון בייסט איין אין בלאַסן בלאָ, איר גאָלדענעם צאָן:
און ערגעץ פון אַן אָרים דערפל, ווייט־און־נאָנט,
מיט פליגל־פּאַטשעריי, צעקרייט זיך וואו אַ האָן...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

——::——

שטיל... פּלוצלונג, ווי פון אונטער דר׳ערד, קריכט שטיל ארויס
אַן עקלדיק פאַרזועניש — אַ מענטש — אַ ראַץ.
ער פרעפּלט וואָס... פאַרגלאָצט די אויגן פון אַ מויז, —
און — טוט מיט טייוולשקייט דעם הימל פרום — אַ קראַץ...

און מיטן „דופט“ פון יענע שווארצע, פוילע שקראַבעס,
ער רעדט פון גאָט, פון אידעאַל, מיט ווערטער־זשאַבעס.
און ווערטער־שלאַנגען קנוילן זיך — א שווארצער קנויל.
און אָט, — עס עפנט זיך און שלינגט מיך איין — א הייל, —
א שווארצער תהום, אַן ענדלאָז־טיפער, אָן א דעק... —
אַן אייביקייט, וואו אָפּגעמעקט איז יעדער גרעניץ, —
צעעפנט ברייט זיין פּעך־און־שוועבל מאָנסטער־מויל, —
דעם גיהנומ׳ס אומרחמנות־קאָכעדיקער געניץ...
איך פאַל... איך פאַל... דער ראָץ נאָך מיר, אין טיפן כאַאָס...
אָט — טוט ער מיר א ביס, און אָט — א קיצל־לעק, — — —
א שפּיל אזא, בין איך בא אים, דעם מענטשן־ראָץ, —
דער מענטש, די עקלהאַפטע חיה אָן אָן עק: —

„... דו זעסט? ! — דער הימל!“— פּיסטשעט ער, דער ראָץ — דער „עמיץ“,
און עפנט ברייט זיין פּעכיק מויל — דעם גיהנום־געניץ: —

„... פּאַרדאָן! די ערד? ! פּאַר א גן־עדן? — דאָס פּאַרלאַנגסטו? !...
עס פרעסן מיך און קייקלען זיך אין שווידער־אַנגסטן,
פון מיין שטערן, שוויים, ווי ווערים און ווי ארבעס.
איך ברען מיט בלוט־געזאַנג, מיט נביאים, און מיט סווארבעס...

— א טויט — צום טויט! זאָל לעבן — ס׳לעבן — בראַנדיק־יונג! — —
— אזוי! אזוי־אָ! לעבעדיק! פלאַמיק! מיט התלהבות! — — —
— אין הימל טיף — א שפּרונג! א פייער־ליד — א זונג!
און כ׳פלי דורך וועלטן הויך אויף פייער־גאָלדענע פּאַוועס...

אַפֿן וועלט־יאַריד

דאָס יאָמערלאַך באַשעפֿעניש,
וואָס טראָגט מײַן בלוט און טרערן קרויִן,
מײַן גורל ברודער,
פֿון מײַן עלנד און מײַן בראָך,
מײַן שוואַרצער שאָטן,
און מײַן וואָיעדיקער גילגול,
וואָס גייט מיך אייביק, אייביק,
אַף מײַן וואַנדער נאָך, —
וואָס ס׳האָט דער וועלט־פֿײַן,
פֿון דעם נביא — אָט־דעם נאַר,
אָן רחמנות —
פֿון זײַן יאָמערדיקן האַלדז,
געשניטן און געבײַטשט,
מיט זײַן רחמנות־בײַטש
דאָס האַרץ פֿון אונדזער וועלט,
וואָס לײַדט פֿון צופֿיל שמאַלץ. — — — —

דאָס יאָמערלאַך באַשעפֿעניש,
וואָס טראָגט מײַן בלוט און טרערן קרויִן —
וואָס שוואַרצער, פֿעטער צער אַף דר׳ערד, —
דער שוואַרצער קנויל פֿון געוואַלד און גרויל,
האָט דורך זײַן שאַרף פֿאַרשפּיצטן
ציינערדיקן מויל,
אַרויפֿגעקלאָגט צום הויכן רוים, —
צו דער גאָלדענער זון, —
די גלײַכגילטיקע, ברענענדיקע קויל...

דאָס יאָמערלאַך באַשעפעניש,
וואָס טראָגט מיין בלוט און טרערן קרוין —
אַ קודלעוואַטער, שוואַרצער הונט,
ווי ס׳גיט זיך איין אַמאָל, אַ שוואַרצער —
מיט אַ חלף־שאַרפן בלישטש,
ייי דורך אַ שוואַרצן וואַלד, שניידט דורך אַ בלאַנקער שווישטש, —
און אָפּן מיטן קאָפּ, פון נאָז ביז האַלדז,
צעטיילט אױף האַלב און האַלב, —
אַ ווייסער שרונט; —
אַ ווייסער, חנ׳עוודיקער,
קלוגער און נאַאיווער שרונט...
ווי ס׳גיט זיך איין, אַ דאָרפישער אַזאַ,
מיט טרערן־אויגן חלף־שאַרפע, —
ברוינלאַך־גרינלאַכע, מיט וועלט־עלנד,
אין בלישטשענדיקן שוואַרץ,

און מיט אַ ווייסן, ישיבה־בחורישן קראַגן,
און מיט אַ זוכן וויטיקדיק און בייַנקעדיק רויט האַרץ, —
אָט־דאָ טאַקע — נישט ווייט פון קראַגן; —
דעם קראַגן שאַצט מען איבער, אָפּן חשבון פונם האַרץ,
וואָס מע דערשאַצט געוויינטלאַך — נישט...
ווייל ס׳איז בטבע אינעווייניק — פאַרבאָרגן...
און אַ קראַגן טראָגט מען אום אין דרויסן,
יעדער נאַר קען זען עם בלאַנקען
קעגן גאָלד־צעשטראַלטער שרייעדיקער זון — פרימאָרגן...

און אין אַ זון־צעשטראַלטן טאָג,
אין סאַמע מיטן פון דער וועלט,
אין מיטן פון דער גרעסטער שטאָט,
האָט זיך אַ פערד־ און מענטשן־ים
מיט שוים צעזאָטן און צעקאָכט:
... הו־הא!... הו־הא!... האַם־האַם!... האַם־האַם!...

און דאַמעלאַך מיט זאַנטיקלאַך,
און מאַנעלאַך פּיטשמאַנטשיקלאַך,
מען האַלט זיך פאַר די גערגעלאַך,
איינס ס'אַנדערע, דערווערגן זיך,
מען האַלט נאָר אין איין דינגען זיך,
פאַר ליבע, אַזש — פאַרשלינגען זיך:
הו־האַ!... הו־האַ!... האַם־האַם!... האַם־האַם!...

און מײַן שיקזאַל־ברודער, דער דאָרפישער,
דער שוואַרצער, קודלעוואַטער הונט,
אָט־דער וואָס מיטן בײַנקעדיק רויט האַרץ,
דאָס העמערל וואָס קלאַפּט, —
אָט־דאָ טאַקע, ניט ווייט פון קראַגן, —
האָט — — אומגליק! גרויסער, טיפער בראָך! —
אין מיטן וועלט־יאַריד,
אין טיפן מענטשן־וואַלד,
אין מיטן אויטאָס־כוואַליעדיקן ים,
פאַרלאָרן — ווײַ־ווײַ־ווײַ! —
זײַן האַר! — — זײַן בעל־הבית! —
זײַן גאָט! — — — —

א קליין, בלאָנד פויערל,
וואָס האָט פאַרטאַכלעוועט
זײַן קליין, בלאָנד חזיר'ל,
אפֿן גרויסן וועלט־יאַריד...
און פאַרן גאַנצן גאָלדן רענדעלע,
א צו־שפּעט, צו־פרי געבאָרענער,

אַ דורשטיקער, צום קופּער־קענדעלע,
אַפן גרויסן װעלט־יאַריד פאַרלאָרענער,
צו דערקוויקן ס'אָרעמע נשמה'ניו,
זיך איינגעקויפט אַ באַלזאַם טייכעניו,
אַ קלאָר געליטערט תענוג־שטראָמעניו,
אַריינגעקוליעט אינם בייכעניו,
און — מיט אַן אויגל „קלוג" גענומען ווינקען,
טרינקען... טרינקען... — אָדער — זיך דערטרינקען! — — — —
און ס'ביטרע פויערל, דאָס בלאָנדס און קליינס,
איז מיטן באַלזאַם־טייכעניו געוואָרן — איינס,
און שטיל און פיין און שיין,
דערטרונקען זיך אין זיך אַליין...

און ס'האָט דער דאָרפישער, דער עלנדער,
דער קודלעוואַטער הונט,
אָט־דער וואָס מיטן ישיבה־בחורישן קראַגן,
מיטן חנ'עוודיקן ווייסן שרונט,
און מיט די אויגן, — די צוויי בלישטשענדיקע פראַגן, —
דעם גאַנצן טאָג אַרומגעזוכט
זיין באַלעבאָס, זיין האַר,
זיין גאָט:
דאָס קליין, בלאָנד פויערל,
וואָס האָט פאַרטאַכלעוועט
זיין קליין, בלאָנד חזירל,
און זיך אַליין פאַרטאַכלעוועט,
אַפן גרויסן וועלט־יאַריד...

——::——

און ערב אָוונט,
ווען די שניידער־שוסטער־מייסטערס
לייגן שוין אוועק די שערן, אָלן,
און די שמאַלציק־פּעטע טייסטערס,
פון די סוחרים פון חזירים,
ווי חזירים, ווערן פעט געשוואָלן, —
האָט דער שוואַרצער, קודלעוואַטער
אויסגעצויגן לאַנג דעם האַלדז,
מיטן ישיבה־בחורישן ווייסן קראַגן,
הויך דעם קאָפּ פאַרריסן צו די הימלען,
צו די ווייט־ווייטע מיסטעריען,
און פון דעם סאַמע מיטן, כּאַאָסדיקן וועלט־יאַריד, —
אַרויפגעיאָמערט הויך דעם וועלט־עלנד
פון אונדז געפּייניקטע, פאַרקלעמטע,
פון אונדז, די אויסגעזויגענע,
פאַרשעמטע און פאַרשפּייגענע;
אַרויפגעיאָמערט צו די שרפה־ים'ען,
צו די הימלען די צעצונדענע,
צו דער אונטערגייענדיקער זון, —
די ברענענדיקע, זינקענדיקע שיף...
און דאָס יאָמערן פון האַרצן
איז געווען אַזוי גרויזאַם־האַרצלאָז,
אַזוי, אַז פּלוצלונג האָט זיך אָפּגעשטעלט דער אָטעם, —
דער גזלנ'יש־אַלץ־פאַרכאַפּנדיקער אָטעם,
פון דעם גרויסן וועלט־יאַריד! — — —

א שוואַרצער קנויל, פון גוואַלד און גרויל,
האָט זיך אין סאַמע מיטן
פונם וועלט־האַרץ איינגעשניטן,
פון האַלדז אַרויס, פון שוואַרצן קודלעוואַטן הונט,
מיטן ישיבה־בחורישן ווייסן קראַגן...

און ווי דער שווישמיש פון בייטשן,
וואָס „כוואַשטשען", „קאַטעווען",
וואָס שניידן טיף ביז בלוט דעם הוילן לייב,
נאָר קיינער קומט ניט ראַטעווען, —
האָט זיך דאָס וועלט־עלנד געוויין
געצויגן און פאַרגאַנגען, —
פון אַ וואָיען, ביז — היענישן געלעכטער —
אַ געלעכטער ביז פאַרגיין...

און פאַר שרעק און משוגעת,
ווי ס'וואָלט דער טויט, אַליין זיך, ביז צום טויט געשטילט, —
האָט זיך די שטאָט, דער מאַרק און גאַס,
אין שוידער־פחד איינגעהילט...
איז פחד, שרעק אַרומגעקראָכן,
און געטאַנצט אַף אַלע פיר...
געקוויטשעט רייטנדיק אַף לאָדן, —
געשראָקן יעדן פענצטער, יעדע טיר...
פאַר פרייד געקייקלט זיך, געלאַכט,
אין גרעסטן, חושכ'דיקסטן זאַל,
און מיט דער פינצטערקייט געמאַכט
אַ שוואַרצע חתונה — אַ באַל...

מיט פוסטע, אויסגעקערטע טאַשן,
האָט פוסטקייט „פריילאַך" זיך צעטאַנצט,
פון וויסטע קוימענס, טעפּ און פלאַשן,
האָט וויסטקייט זיך צעפּייפט, צעגלאַנצט...
ביז פוסטקייט האָט די אַלע גאַסן
אָנגעפילט מיט פוסטקייט, ביז צום פּלאַצן...
און עס האָט זיך וויסטקייט
אין פאַרלאָזטן מאַרק צעיאָמערט,
און ס'האַרץ, ביז בלוט געגומען קראַצן...
און פאַרן ציטערדיקן שיין,
פון אַ פאַרוואָגלט ווייטן גרינעם שטערן, —
באַ אַ וויסט־פאַרלאָזטן טיר־און־פענצטער אָפן קרעמל,
האָט מיטן ווינט, אין וויסטער נאַכט,
אַ שטיקל ציבעלקעלע שאָלאַכיץ, צי אַ שוועמל
פון דער וועלט געלאַכט...

און ס'האָט נאַכט און טאָג און טאָג און נאַכט,
גערעגנט און גערעגנט און גערעגנט, —
און ס'האָבן וואָלקנס פון דער וועלט געלאַכט —
באַגעגנט, זיך געזעגנט — ווידער זיך באַגעגנט...

דערזען, אַז — שוין אַן אייביקייט, ווי ס'רעגנט,
דערזען, אַז — ס'איז קיין חילוק ניט פון נאַכט און טאָג, —
האָבן דונער־בליצן זיי מיט גאָלד־בייטשן באַגעגנט,
און מיט די בייטשן זיי אין כּף־הקל פאַריאָגט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

——::——

און לאַנגזאַם איז די זון אַרויס, —
און אַף דער וועלט זיך העל צעשטראַלט,
און ס'האָט דער שופר של משיח
פון אַלע עקן וועלט געשאַלט: —

„... היי! היי! דו־דו... טרו־טרו... טרו־טרו...
און וויסן זיין, דו וועלט, זאָלסטו,
אַז יענער הונט, — פאַרלאָרן אַפן וועלט־יאַריד,
וואָס טראָגט מיין בלוט־און־טרערן־קרוין,
דאָס יאָמערט מיט אַן אויסגעצויגן האַלדז
דאָס האַרץ מיינס — צו דער אייביקייט...
עס יאָמערט, אַף דער פאַלשקייט פון דער וועלט...
און אַף דער שלעכטיקייט און אומגערעכטיקייט, —
וואָס שאַלט און וואַלט, אַף גאָטס פאַר'דמ'טער בלענדיק־שיינער וועלט... —

און אַ פאַרלאָרענער, צו־שפּעט־צו־פרי־געבאָרענער,
וואָס האָט אין מיטן וועלט, פאַרלאָרן זיך אַליין,
פּלאָנטער איך זיך אום —
אַליין, —
דאָ אַפן גרויסן וועלט־יאַריד,
און ווערג זיך מיט געוויין,
אין בלענדיקן כאַאָס —
און זוך אַרום מיין „זיך אַליין"
אין ענדלאָזן קאָסמאָס...

אויב עמיצער פון איך, וועט ערגעץ מיך געפינען,
אָן אַ לאַנד — פון אַלע לענדער
מיך, — אַ יאָמערדיקן מענטש,
צו זיך אַליין אַ פרעמדער,
און אָן אַ גאָט און אָן אַ שול,
און אָן אַ שטאָט און אָן אַ שטענדער...
אַ מענטש, וואָס האָט פאַרלאָרן
אַפן וועלט־יאַריד — די וועלט! —
זיין גאָט — דעם מענטש.
מיך — אַ מענטש, אַ פשוט'ער, אַ נאַרעלע,
וואָס ער, דער ביטרער, קלוגעטשקער,
וואָס לעקט זיך אָפּ די האָניק־פינגער,
פון דער האָניק־צוקער־באַרעלע,
האָט מיט די פינגער, קלעפיק־גליטשיקע,
די וועלט, — דאָס עפּעלע, דאָס לעבן,
זאַפטיק, צוקער־זיס — אַרויסגעגליטשט,
די ערד, פון אונטער מיינע פיס. — — —

אויב עמיצער, וועט מיך געפינען, —
זאָל מיך איבערענטפערן אין מיינע הענט, —
אין מיינע הענט, פון מיך אַליין — מיין גאָט,
און איך — גאָט,
און איך — אָט־יענער קודלעוואַטער הונט, געמאַכט פון מיר,
און איך — מיין האַרץ, מיין טרערן־קרוין,
און איך — די צייַנערדיקע קללה פון דער וועלט,
און איך — מיר אַלע, אַלע, אַלע,

מיר וועלן מיטן משוגעת־יאָמער איינבייסן
אין אונדזער ברודערל, דעם כיטרען־קלוגעטשקן,
דעם „לייטישן", דעם עלטערן,
וואָס איז אָקאָרשט־איצט, אַ פרישינקער,
מיט אַ באַלעבאַטיש־פיינעם תענוג־קרעצעלע,
אַ כיעסינקער, אַרויס פון וואַנע,
און אַ בינימעסדיקער־צימעסדיקער,
פאַרבייגייענדיק זיך צוגעזועצט —
אַלס ליבהאָבער פון נאַקעט־דיקער קונסט
פון הינטן־אַרומעט, צו דער פיאַנע,
און צימבלט מיט די עלנבויגנס: —
„אַ נחת'ל אַף אונדז, אַ גדולה אַף אונדז...
עס פרייט זיך, דרייט זיך, ס'וועלטעלע, דאָס רונדס...
אויסגערונען אַלע טונען, — רינט צו אונדז פון שפּונט,
מיט כבוד, שפּע און געזונט..."

און איך, דער מענטש, איך — גאָט, מיין גאָט,
פאַרלאָרן אַפן וועלט־יאַריד,
דער עלנדער פון שטאָט,
און איך, דער קודלעוואַטער הונט,
וואָס ער'ט פון מיר געמאַכט,
איך — עלנדער, פון דאָרף,
מיר וועלן זיך אין אים אַריינבייסן,
נאָך איידער ער באַשטעלט צו מאַכן,
פון אונדזער פעל, — אַ פוטערל,

א ווייך און ווארעם פיטערל, פון אונדזער פעל,
אף ווינטער מירצעשעם...
און איידער ער באַ׳חשבונ׳ט נאָך, דעם לעצטן חשבון,
וויפיל ס׳וועט אים איינטראָגן —
די קישקעס אונדזערע,
מיט די פראָצענט אף די פּראָצענטער,
אלס פילאנטראָפּ, אלס נדבן אָנערקענטער,
די קישקעס אונדזערע, כמעט נאָך נייענקע,
כמעט נאָך גאָרנישט־נישט געניצטע,
און ס׳רויט־פלייש, — די אלט־מאָדישע,
סענטימענטאַלע הערצער,
אף וואורשטלאך, הייסע, רויטע, מאָדישע,
פאַרוואנדלענדיק,
און אפן גרויסן וועלט־יאריד,
על פי החשבון ה׳ארשין, פארהאנדלענדיק,
אזוי נישקשה, בעקאָוועד גאָלד און פּאַרנאָסע,
בעעזראַס אדוישעם יסבאָראַך,
טאטע זיסער!! ווײַ איז מיר — אוי!!
שמאנג יסראַייל! אדוישעם! עלויקיינו!!
אדוישעם עכ—אָ—אָד!!! — — —
אָ! יעזוס! און אלאה!!
א־א־א—א־אהא! ווײַ איז מיר...
א־א־א—אה! — — —

און אזוי, ווען אונדזער ברודערל,
דו קלוגעטשקער, דו עלטערער,
דערפאַרענער כיטראַק,
צעגעניצסט זיך דערפאַרן און געשמאַק, —
ווען, צײנערדיקער הונט,
דער הונט, וואָס דו׳סט געמאַכט פון מיר,
דעם מענטש, — דעם גאָט, —
ווען צײנערדיקער הונט — זיך אײנבײסן געשמאַק,
און כאַטש עס ווען דיר שאַטן צום געזונט,
ווען דאָך נישט שאַטן, דו זאָלסט ווײסן זײן,
אז פון א מענטשן מאַכט מען נישט קײן הונט,
און אז א „מענטש״ איז ניט נאָר „אויך א מענטש״,
נאָר — אז א „מענטש״ איז ערשט — א מענטש,
און אז א מענטש — דאַרף ניט קײן באַלעבאָס, —
ווייל מענטש — איז גאָט, און גאָט — איז וועלט,
און ס׳איז די וועלט — אַף מאַן און ווייב געשטעלט!
און ניט נאָר פּגר׳ט מען נאָך ברויט און בולבעס: —
מען פּגר׳ט אויך בא דיר, דאָ אַף דער וועלט,
פאַר׳שיכור׳ט מיט דער שײנקײט־דופט פון רויזן טולפּעס, —
דעם שווידערלאַכטן הונגער־טויט, — נאָך זעל און לייב,
נאָך זעל און לייב, — פון ווייב צו מאַן, — פון מאַן — צו ווייב;
נאָר דו, דער באַלעבאָס, פון „זעל און לייב״ — צעטיילסט...
נאָר דו, דער באַלעבאָס, פון „מאַן און ווייב״ — באַהעפסט...
און דו — דער באַלעבאָס פון פוילקייט־שאַנד,
פון „גאַרנישט־טאָרנישטן״, — דעם רעוואַך צײלסט, —

האלסט אָן דעם ניבזה־ניוועץ יקרות,
מיט חופּה־קוויטלאַך־שאַנד, — דעם „לייב־און־זעל־געשעפט".

און אין אַ טאָג־און־נאַכט אַ הונגער־שיכור'ן נאָך ברויט און ליבע, —
וואָס בליט מיט בולבעס און מיט טולפּעס רויט, —
וועל איך זיך שאַרף אריינבייסן אין דיר, —
מיט ציין פון תאווה לייב־און־זעל באַטרונקען, —
אין דיך — וואָס קריכט אַדורך מיט שפּילקע־מאַרך,
פון שפּילקע־שפּיץ ביז קעפּעלע,
ווי אַ וואָרים דורך דער וועלט,
דאָס זיס־און־זאַפּטיק עפּעלע, —
וועל איך זיך איינבייסן אין דיר, —
און ניט אָפּלאָזן (פּאַר קיין געלט נישט!) —
דעם טאַטנס תכשיט, מאַמעס זינדעלע;
ביז דו שטעקסט ניט אָפּ, פון אונטער צלם־שווערד,
פון אונטערן געשטערנט־און־געשטרייפטן טלית'ל,
(ווי יענער קאָזאַק'ל ס'געלאַקכנט הינדעלע)
דאָס געלאַקכנט לעקאַכל — דאָס לעבן,
די גע'לקח'נטע, די גאָטס־פּאַר'דמ'טע,
בלענדיק־שיינע וועלט! — — —

II

"THE BEAUTIFUL SNOW!..."

שטאָ־קיין־ארבעט! — און — ארבעטן, ארבעט נישט דזשים!!...
זאָל זי ברענען, די וועלט! ש'טאָ קיין אָרט דאָ פאַר אים!...
אַך, די וועלט, די פּאַסקודנע — זונגאָלדיק באַשיינט!
נישט אריינגים! — פּרעסן! — קיין מיידל! — קיין פריינט!
ניט אַף נאַכטלעגער — כּאָטשבי, אין "Y. M. C. A."!...
אָך, דזשים!—ס'איז דיר „אָך!"—ס'איז דיר „ווינד!"—ס'איז דיר „וויי!"

טוט דער הונגער — דער וואָלף, אים אין בויך אַזאַ דריי!
טוט א נס, דאָרט דער „אויבישטער" — פאַלט אויס אַ — שניי!
עך! „שוין איינמאָל" אַ שניי! אַזאַ טיפער! — אַ גוואַלד!...
שטייען דזשימי'ס, אין שניי — ווי די בוימער אין וואַלד...
די דזשימי'ס — מיט רידלען, די זון — גאָלדיק געל,
קומט מיט שטראַלן „צוהילף", — פון דעם שניי ווערט — אַ תל!

האַקט דזשים מיט עקשנות דאָס לעצטע שטיק שניי... —
טוט דזשימ'ען, דער הונגער, אין בויך — אַזאַ דריי! —
פון אַ פענצטער, ווינקט גנב'יש, היים־קאַווע־מיט־„טאָרט", —
און דאָ, ליגט אַ צייטונג, אין אייז — נישט פון אָרט! —
כאָטש האַק עס, און בראָק עס! — סע ליגט און — סע — לאַכט!...
פריש — מיט ניים — מיט „פּאַרפראָרענע מענטשן באַנאַכט!" — — — —

און דזשים — מיטן פּיק־האַק — האַקט הער און האַקט הין;
קוים דאַביוועט ס'פּאַפירל... ווערט דזשימי אַזש — גרין!... —
— — פאַרפראָרן און „אויסגעשעפּט", הונגעריק, מיד. —
וואָס זעט דזשים?.. אַ— מיט בוימעלאַך צוגעפּוצט ליד;
ווערט דזשים, שוין פאַר כעס — אַזש ברוין און אַזש בלאָ! —
און — דעקלאַמירט הויך פון צייטונג: „טהי־ ב־י־ו־ט־י־פ־ו־ל ס־נאָ־ו!!!"

ט־ה־י ב־י־ו־ט־י־פ־ו־ל ס־נאָ־ו!!" — אַן אַקטיאָרישן לאַך —
און — דאַלאַנגט מיטן פּיק־האַק ביזן שטיין אַזאַ — קראַך!!!
„טהי ביוטיפּול סנאָו!" — — „האָ־האָ־האָ!" — ס'קלינגט צום גראַם!
אוי— וואָלט ער „אים" געגעבן — אַ רידל — אַ — ראַם!
... „האָ־האָ־האָ!" — ווען ער קומט איצט אַהער —אַט־אָ־דאָ!
און פאַרזוכט דאָ דעם טעם פון: — „טה־י ב־י־ו־ט־י־פ־ו־ל ס־נאָ־ו!"...

וואו איז ער? וואו איז ער? — דער דיכטער, דער — תם!
אוי, וואָלט ער אים דאַלאַנגט מיטן רידל צום גראַם,
און מיט בוימעלאַך, גרינינקע בוימעלאַך — צום טעם; —
פון דער וועלט מיטן רידל — אַ רידל — אַ ראַם! —
זאָל ער, פּרואוון אין הונגער און קעלט: „האָ־האָ־האָ!" —
אַ ראַם־טאָן אַ ביטל — „טהי ביוטיפּול סנאָו!" — — — —

און דזשימ'ען דאַלאַנגט זיך דער קאָפּ אַ פאַרדריי,
און — מיט בלוט — אַ רויט בוימעלע־שפּיי — אַפן שניי; —
מיטן קאָפּ אָן די שטיינער — אַ פאַל מיט אַ קנאַק!
ליגט ער! — רעוועט פון אים — פון דעם ליידיקן זאַק: —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

האָ־האָ־האָ!.... סאָ־סאָ־סאָ!... סאָ־סאָ־סאָ!... האָ־האָ־האָ!...
אָ! טה־י ב־י־ו־ט־י־פ־ו־ל ס־נאָ־ו! אָ, „טהי ביוטיפּול סנאָו!" — — — —

1932

דער לבנה׳ס אײדימל אַף קעסט

פּע, מיאוס! מיאוס עקלדיק איז מיר
פונם גאָר ווי קרעץ געשפּרייטן שטערן־פּראַכט,
פון דער לבנה — דער שפּאַציר־געשוויר,
אין מיטן ליכטיק־ווייסער כישוף־נאַכט; —

דורך ווייטע וועלטן, הימל־שרייענדיק, —
געשריי פון בלוט, אין ווייסער נאַכט — ווײַ... ווײַ...
דער געלער קאָט באַלעקט זיך קייענדיק,
אַ ריס, אַ שלונג, דעם פויגל׳ס לעצט געשריי. — — — —

און גלייכגילטיק באַטראַכט דער הימל־רוים,
ווי דער לבנה׳ס אײדימל־אַף־קעסט,
דער געלער קאָטער, זיצט זיך אַפן בוים,
און בראָמסקעט פרום, די פויגעלעך אין נעסט...

די לבנה גלעט אים, מאַכט אים חנ'דאַלאַך,
ער מיאַוקעט... טוט די וואָנצעס א באַלעק;
ער בורטשעט... קנאַקט, קנאַקט, — זים די ביינדלאַך...
ער בענטשט צו דער לבנה, — דרייט דעם עק...

ס'ווערט גרין פאַר צער אין מיר, מיין הייס־רויט בלוט,
עס ברענט מיין מאַרך, רויט־גראָ־גרין־בלאָ, מיט גלוט. —
יאָ, מ'קען ניט זאָגן — ערלאַך, פיין געשטעלט, —
די גאָטס־פאַרדאַמטע, בלענדיק־שיינע וועלט!...

ווי שיין... ווי שטיל... מאַנירלאַך־צירלאַך — פיין...
ס'קען פרימער, אנשטענדיקער גאָר ניט זיין...
מיט שטערנדלאַך... לבנה'טשקע... שטיל... קיל...
ווען יענער שלאָפט — באַפאַל, פאַרשלינג... שאַ... שטיל...

1932

שלעכט-נאַיוו

הײַנט דעקאַבער, פיר און צוואַנציק, —
ערב־יום־טוב — „קריסטמעס איוו”...
ניינצן הונדערט, אַכט און צוואַנציק,
כמעט אַ יאָר — בלויז נאָך אַ וואָך,
און דיין אומעט־זיסן בריוו,
אַ, מאַריע! נישט געענטפערט נאָך...
ווייל — איך, בין אַלץ נאָך אומגעדולדיק,
און — דו, ביסט, אַלץ נאָך, אַלץ אומשולדיק,
און די וועלט, איז אַלץ נאָך, שלעכט־נאַאיוו...
די וועלט האָט זיך אַזוי צעגעטשקעט,
ביז טויב ווערן, צע־„אַמראַבייעט”...
די גלעקער, האָבן זיך צעהעטשקעט, —
צעיענטעט און צעשמייעט...
פול די לופט, מיט ווייבעריי, —
פנים׳ער — פאַרשמירטע, שטומפיק...
זומפּ, פון פודער־פאַרב־באַרימעריי, —
אַזש דער הימל, איז שוין זומפּיק...
לויפן, קויפן, האַלדז דעם טרייפן,
אָנצושטאָפּן, נאָך, נאָך זאַכן...
ביזנעס... ביזנעס... ביז־זז־ביזזז... ביזזי... —
כאָטש, שטעל אין מיטן מאַרק זיך — לאַכן...
אוי, ס׳אַ וועלט! אַזוי־אַ איז זי: —
האָניק נאַשן, אין די גאַסן,
ביז־זזזי... ביז־זזי.. ווי אַ בין...

טאַלער, קלינגען אין די טאַשן, —
פרייט זיך, דרייט זיך, הער און הין,
װערט: מזרח — מערב! צפון — דרום!
בראנפנס זינגען אין די פלאַשן,
היינט, װיל זיין, מיט רייך גלייך — אָרעם. —
ביז־זזי... אין שיינקל קענן איבער,
ביז־זזי... בי־זזי.. אַפן „שמענטאַרזש",
צו פאַרגרייטן זיך מיט גריבער...
שנעפּסלט מען, — אין שיינקל אויבן...
שנעפּסלט מען — אין קעלער אונטן...
װעקט און רופט צו זינד, דער גלויבן: —
„... באַלעבאָסטע, באַלע־בעסל. —
זיס, איז זינדיקן און — פרעסן!...
הוליע, הוליע, האָליעדריגע!
פלאַשקעדריגע, מלאך־המות, —
װינקען זיך מיט „ליבשאַפּטס" איבער,
דריגען... דריגען, מיט די פיסלאך, —
אוי — װעט באַלד זיין אַן הריגע! —
נו — נו, — נעמען מיר צוביסלאך...
מאַשקע, פליאַשקע, פונם פלעשל...
אַפן חשבון פון די גריבער...
און — צעקנאַקן זיך, װי ניסלאך! — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

אוּן — אָט־אָט, אָט־אָט, — טאַ־טאַ־טאַ! —
אָט, ראָיעט מען זיך אין דעם פּעסל, —
פון די מיסט, און — גאָרניש־נישט! —
אַרויסגעוואָרפן און — אומזיסט... —
ביז־זז... ביז־זז... ביים, רײַם... יעזזום!! — זעץ!! — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —
אַ „מלחמה" — אָנגעצונדן, —
צווישן קרעציקע צוויי קעץ,
און צוויי אַלטע וואַגאַבונדן. — — —
היינט, דעקאַבער, פיר און צוואַנציק,
ערב־יום־טוב — „קריסטמעס איוו"...
ניינצן הונדערט, אַכט און צוואַנציק, —
און די וועלט, איז אַלץ נאָך — שלעכט־נאַאיוו...

מײַן ליד צו אײַך פאַרצװײפלט

איך זינג מײַן ליד, צו אײַך, פאַרצװײפלט,
אַלץ בלוטיקער, אַלץ שטאַרקער, העכער!...
בלוט! — רינט בײַ מיר: — „אײַך רינען טרערן!!" — — — —
זײ לאָזן לױפן גרילצערס־באַנען,
אַריבער בריקן, שװאַרצע דעכער,
כדי אַז איר, זאָלט ניט מײַן ליד דערהערן!...
איר זאָלט װי פױלע האָלץ, זײַן טויב,
און מוטלאָז, נישטיק, אַפּפאַל־שטויב! — — — —
און װי די חושכ'דיקע מויז,
װאָס גנב'ען זיך אַרײַן דורך לעכער, —
אַזױ קומט איר באַנאַכט אין הויז,
פון טעגלאַכן הו־האַ־יאַריד,
לעקעשדיקע... נאַריש־מיד. — — —
איר לױפט, די העלע גאַסן דורך,
נישט זעענדיק די שײַן פון גאַס;
און גנב'עט זיך אַרײַן צום װײַב, אין בעט,
אָן ליבע, און — אַפילו אויך אָן האַס!...
און אַזױ דורך נעכט — — געבערן קנעכט! — — — —
װײַל, — נאָכדעם — װי איר, שװיצט אױס „צײַט"... —
„צװישן־צײַט" און „איבער־צײַט"...
װײַל לעבן — האָט איר ניט קײן „צײַט"...

און שטאַרבן האָט איר נישט קיין צייט —
און שטאַרבט דערפון שטיל פאַר דער צייט...
און „צייט" איז — געלט! און — געלט — איז וועלט,
און געלט — א סך — א סך — אַ סך! — :
ווייל געלט איז בלוט, און בלוט איז גוט...
און — בלוט איז — „וועלט", און געלט — באַפעלט : —
— — — „ליגט איינגעלייגט!" — — — „ניש אייער זאך!"...
און אזוי דורך נעכט, אין וועגט — פאַר „רענט",
פאַרזאָרגט איר „זיי" מיט נייע „הענט". — — —
„זיי" ליגן אייך אוים אין הייזער־קברים,
ווי אַרויסגעוואָרפענע... פגרים!... — — —
לעקעשדיקע... נאַריש־מיד!
מיט א געלבערדלדיק־מה־יפית־ליד! — — —
ווי ערשט אַראָפּגעפאַלענע פון ביינקל,
פון אונטער דעם קאַפּריזנעם פּריצ'ם רוט —
קראַצט איר ליב, די וואונדן אַפן לייב, —
פאַרטרערט... צעשמיסענע ביז בלוט. — — —
בלויז דעם שווישטש פון בייטש, קענט איר דערהערן!!!
בלוט! — רינט בא מיר! — „אייך רינען טרערן"... — — — —

און די װעלט איז נאָך אַלץ ניט באַפרײַט

„... און געקלאָגט האָט דער נביא, געטרייסט און געשטראָפט;
זאָל דערהויבן פון מיסט אייך, גאָט'ס וואָרט, דורך מיין קול.
און געזאָגט האָט דער נביא: שוין טויזנטער יאָר,
ווי מען וועקט אייך פון יאָך, פונם קנעכטישן שלאָף,
און מיט פייער פון לידער, מען רופט אייך — מען שרייט!
און עס קומען און גייען, א דור נאָך א דור,
און מיט בלוט גייט אריבער דער בלוטיקער טאָל,
און איר — ווי צו אייך, קינדער פון בלוטיקן טאָל!
און — די וועלט איז נאָך אַלץ ניט, נאָך אַלץ ניט באפרייט!"...

אָט אזוי האָט א נביא, שפעטער טויזנטער יאָר,
פאַר דער וועלט הויך געזונגען פון נביאים זיין ליד; —
און איצטער, נאָך שפעטער מיט טויזנטער יאָר, —
קומט דער דיכטער, מיין פריינט — אַלט, צעבראָכן און מיד,
און פאַרבעט מיך, זיין חבר, אַף פסח צו־גאַסט,
און איך — אויך אַן אַלטער, מיט ציטריקע הענט,
מיין צעבראָכענעם שאַרבן, טראָג צוריק פון יאריד...
אפן קארק — טראָג א טאָפּ מיט צעבראָכענע טעג...
שלעפ געבויגן מיין קאָפּ, ווי אַן אייזל זיין לאַסט...
און וואָס הער איך? מען זעגט מיינע ברעטער פון טויט; —
ס'איז מיין שווערער, מיין אייגענער אָטעם — די זעג...
ס'קומט דער טויט!... און די וועלט איז נאָך אַלץ נישט באפרייט!...

און מיט שניי־ווייסע לאָקן — מיר אַלטעטשקע פריינט,
מיר זיצן באַם סדר ווי צוויי „עלענאָווים" — צו־גאַסט...

דו געדענקסט? — מאַכט דער אַלטיטשקער. — כ׳געדענק עס ווי היינט,
פון אמאָליקע יאָרן פון יוגנט די צייט... —
דו געדענקסט מיין ערשט ליד? און — ער לייענט זיין ליד, —
וואָס שוין יאָרן און יאָרן אַף פּסח׳ס „פאַרפאַסט״: —
„... און מיט פייער פון לידער מען וועקט אייך, מען שרייט!״

און ער ענדיקט דאָס אייביק אַלט־מאָדיש־ניי ליד —
„... און די וועלט איז נאָך אַלץ נישט, נאָך אַלץ נישט באַפרייט!״...

און איך, שאָקל דעם קאָפּ: — אוי, ס׳א טייער, גוט ליד!! — — —
נאָר דער סוף פונם ליד — זאָג איך — ברודער, איז — שלעכט...
און איך זאָג צו זיין ווייב: — „אַזעלכע טייערע פיש,
נישט געגעסן — הו־האָ! שוין א לאַנג־לאַנגע צייט!״
ווערט זי רויט, מעשה מיידל: „א דאַנק פאַרן קאָמפּלימענט!״...
ווי אַמאָל, ווען פון מיר, צו דעם „בחור״ אַוועק —
(— ווייל שין ניגער האָט אים — און ניט מיך — אָנערקענט —).
טוט א פרעג מיין אָנצייניקער חבר פון היינט —
וואָס׳ט געטין־טון געגליסטן אין ס׳ווייב פון זיין פריינט: —
— אַז — „ס׳א טייער, גוט ליד״ — טאָ מיט וואָס איז עס „שלעכט״? —
— יאָ, שלעכט — זאָג איך — טייערער פריינט, איז דער — סוף:
„און שוין טויזנטער יאָר, קלאָגט דער נביא און שטראָפט...
„און די וועלט איז נאָך אַלץ ניט, נאָך אַלץ ניט באַפרייט״... —
און — — — די וועלט איז נאָך אַלץ—נאָך היינט אויך ניט—באַפרייט! —
— יאָ... יאָ—מאַכט ער—יאָ!... ביסט גערעכט.... יאָ, מיין טייערער גאַסט...
און פון דאַמאָלסט, ווען איך האָב דאָס לידל „פאַרפאַסט״ —
הו־האָ! — איז שוין אויכעט א לאַנג־לאַנגע צייט —
און — די וועלט איז נאָך אַלץ נישט, נאָך אַלץ נישט באַפרייט! — — — —

1925

פון דער סעריע: סדום

אונדזער גאָלדיקע „גרענדע״ האַלט די וועלט אין ערענדע! —
די וועלט איז פאַר׳משכונ׳ט באַ אונדז אף פּראָצענט; —
און אַלץ — איז מיט גאָלד גליַיך; און דירה־געלט — ברענט דאָ!
ווער רעדט — זומער באַם ים — זאָל ער ווערן פאַרברענט!

אונדזער גאָלד — טוט די „פּריוויקייט״ פון ים׳ען פאַרטייטשן: —
דער טייטש: — ים׳ען בלוט און שוויים — גאָלד — „האָרי־אָפּ! !״
מען שמייסט אונדז, ביז בלוט דאָ, מיט גאָלדענע בייטשן!
מען פּלעט אונדז, מיט גאָלדענע שטיינער, דעם קאָפּ. — — —

אין גאָלדזומפּ דאָ — טרינקען זיך פּעלקער און ראַסן, —
אין גאָלד־מדבר גאַסן פון מאָרגאַן און פאָרד: —
דאָ וואַלגערט זיך גאונות — ווי גאָלד — אין די גאַסן!
פאַרן גאָלד פון גאונים נישטאָ דאָ קיין אָרט...

און אַלץ וואָס באַ מילנער — און אַלץ וואָס באַ מאַלער —
וואָלט ווען עס איז אפשר געקענט זיין געמאָלט, —
פון פויגל־מילך — מוידן־מילך — זוויגט אוים דער טאַלער!
געקאַטשעט, — געמולטאַפּליקאַציעט — מיט גאָלד. — — —

מיר — „ליבעראַלן“

(ספּעקטאַקל)

די סצענע — אַ גרויסשטאָטישע גאַס, אין אַ זומערדיקן הייסן פרימאָרגן, א מאַסע פון גאַסן־פּלאַסטערער קאָכן פּעך און סמאָלע, אַרבעטן שווער, קרעכצן אונטער דער שווערער לאַסט, ווישן זיך דעם שווייס פון שטערן און — מיט די חויפנס אַלע־ווײַלע — „לאַפּטש“ דעם שווייס אָן דר׳ערד! . . . עס פליט אָן אַ ריזיקער אויטאָ־מאָביל און מיט אַ קוויטש, האַלט דער שאָפיר איין די מאַשין זאָל נישט אַרויפ־פאָרן אַף די גאַסן־פּלאַסטערער; די גרויסע הינט — אין אויטאָמאָביל — בילן, די שטאַרקע, געזונטע ווייבער, כאַ־כאַטשען — און די מענער, זייער אויפגעלייגט, שמועסן און — ווי ס׳פּאַסט פאַר גוט־דערצויגענע — נישט אַלע מיטאַמאָל — נאָר יעדער אַ באַזונדערן פסוק: די הינט, די ווייבער און די מענער.

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! — האוו־האוו־האוו־האוו! —
— איז — פאָרן מיר ארוים היינט אַפן לאַנד. —
— מיט ווייבער און מיט — הינט: —
— און — אזא טעמפּ־געזונטער פרעכער־מונטער. —
— איז דאָס לאַכן און דאָס בילן. — — —
— האָ! האָ! — צופרידנקייט, צעשלאָגט זיך —
— מיטן פריש־צעפאָכטן ווינט. —
— פון אונדזערע גרויסע, קיל־צעיאָגטע —
— ווי די שיפן — אויטאָמאָבילן! — — —

— כאַ־כאַ־כאַ־כאַ! — האוו־האוו־האוו־האוו! —
— איזוז — אָט, אזוי־אָ, לעבן „קינדער“ —
— פון דעם „פריי־מויערער“־פאַרבאַנד: —
— מיר פאַבריקאַנטן, ליפעראַנטן, —
— פערדלאַך־שפּילער, ספּעקולאַנטן! —
— גלייך פון קירך — צום ברעג פון ים, —
— צו אונדזער קלוב־הויז, אַפן לאַנד: —
— מיר — „טאַטנס־זינדלאַך“ — זינדיקער —
— מיט מאַניקירטע נעגל — פראַנטן! — — —

— כא־כא־כא! — האוו־האוו־האוו! —
— היי!־היי!! קבצנים!! היט זיך! ס׳פאָרן מיר: —
— די „מאה־דעה׳שע" —
— מיר —מענטשן — הייסט עס, פון דעם קלאַס דעם העכערן! —
— מיר שיף־און־אייזנבאַנער, —
— מיר פּאַציפיסטן, ליבעראַלן, —
— מענטשן — הויך־אידייאישע!... —
— אידעאַליסטן, עטיקער: —
— שיר־שיר־ניט — וועגעטאַריאַנער! — — — —

— כא־כא־כא! — האוו־האוו־האוו! —
— פרייע רעדע... דעמאָקראַטיע: —
— ניטאָ פאַר אונדז, קיין העכערער וואונטש! —
— מיר זייף־קעסטלאַך־אינדוסטריאַליסטן —
— די אמת׳ע אינדיווידואַליסטן! —
— ווער רעדט — אַלס שיצער־אונטערשטיצער —
— פון דער נאַקעט־דיקער קונסט —
— דאָ — שטייגן מיר אַריבער שיער־ניט —
— די דאָקטוירים־אַנאַרכיסטן! — — — —

— כא־כא־כא! — האוו־האוו־האוו־האוו! —
— מיר ליטעראַרישע חזירים: — מיט ביכער־איבערגעפּרעסענע! —
— מיר — קריטיקער! מיר — זשורנאַליסטן! —
— ביז צום פּלאַצן אָנגעלעזענע! —
— מיר — פּאָליטיקער! מיר — פּראָפעסאָרן! —
— האָ! — ניט קיין שעמעוודיקע יאָלדן! —
— אין דער וועלט, געוועזענע! —
— מיט קצבים־העלדזער רויטע! —
— ווי די רויטע פּאָמאָדאָרן! — — — —

— כא־כא־כא! — האוו־האוו־האוו־האוו! —
— לחיים! — נעמען מיר צו „קאַפּעטשקעלאַך": —
— נו — לחיים — ברודער דזשאָרדזש! — —
— לחיים! נו — לחיים, דזשים! —
— פאַר אונדז, די זייער פיל־באַוויבטע —
— לחיים, פּרעזידענט, פון אָרדן „פריי־מויערער"! —
— פאַר אונדזער גרויסן לאָרדזש! —
— פאַר אונדזער קלוב, פון יוסטע באַלעגופן! —
— זייער שטאַרק־באַליבטע! — — — —

— כאַ־כאַ־כאַ! — האוו־האוו־האוו־האוו! —
— נו — נאָך אַמאָל — לחיים, דזשאָרדזש!! —
— דער אמת־סקאָטלאַנדישער דזשין! —
— יאָ, דאָס איז עס געווען אַ נאַרישקייט —
— מיט דאָס „פאַרבאָטאַכץ!״ —
— מיט דאָס „פאַרבאָטאַכטס״?! —
— ס׳קאַפּיטשקע „מחיה־טראָפּנס״ — — מיינסטו — דזשים? —
— נו — שייך, אַ נאַרישקייט?! — אַנ־נ־נ־איינזלשקייט!! —
— דאָס גרעסטע אידיאָטאַכטס! — — —

— כאַ־כאַ־כאַ! — האוו־האוו־האוו־האוו! —
—נו, יאָ! דאָס לאַנד מוז האָבן מערער פרייקייט: —
— דאָס וואָס איך זאָג דאָך! —
— ווי ס׳האָבן לינקאָלן, וואַשינגטאָן, געפריידיקט אונדז! —
— די גרויסע אָבות. —
— נו, יאָ! און אָט די „סאַקאָ־און־וואַנזעטי־מעשה״, —
— יאָ, ס׳אַ גרויסער בראָך! —
— דאָס מיינט דאָך פייער! — רעוואָלוציע! —
— זאָל גאָט אויסהיטן — סם־המות! — — —

— כאַ־כאַ־כאַ! — האַוו־האַוו־האַוו! —
— זיי וועלן נאָך מאַכן ווי אין רוסלאַנד! —
— שוין „צאַריזם" באַלד בײַ אונדז! —
— וואָס איז דײַן מיינונג, דזשים, —
— אַלס קאָלאָמביאַ־אוניווערסיטעט־פּראָפעסאָר? —
— יאַ, דזשאָרדזש, — דאָס פילט מען לעצטנס —
— אויך אין אונדזער ליטעראַטור און קונסט. —
— נאַטור־געזעץ! — וואָס מער פאַרשפּאַרסט די דאַמבעס —
— דאָס אויפּפּראַלן — אַלץ גרעסער! — — — —

— כאַ־כאַ־כאַ! — האַוו־האַוו־האַוו! —
— זעסט? — פלאַסטערן פאַר אונדז די גאַס, אין אַזאַ היץ! —
— און קריצן מיט די ציין! —
— יאָ, — דזשים! — פּראָפעסאָר! —
— וואָס איז דאָ פאַראַן זיך צו פאַרנאַנדערקלײַבן?! —
— מען קען דאָך ניט אַ שטאָט פאַרלאָזן —
— שאַפּ און מאַרק און גאַס אַליין! —
— און מיר — מיר, קענען דען וואָס טאָן? —
— נו — — מוזן דאָך די אַרבעטער פאַרבלײַבן! — — — —

— כאַ־כאַ־כאַ! — האַוו־האַוו־האַוו! —
— הערסט, דזשאָרדזש — ס'איז קאָמיש, — נאָר —
— עס טוט אַ ביסאַלע הנאה ווי אזוי —
— דו זעסט? — זיי קוקן מיט אזאַ מין דרך־ארץ, —
— די פאַרשמאַכטע, —
— כאָטש נעם און גיב זיי קייען שטרוי! —
— מיט ווילנלאָז־אַראָפּגעלאָזטע פערדן־ליפּן, —
— אַף אונדזערע אויטאָמאָבילן, —
— וואונדערלאַך, — פון זיי אליין געמאַכטע. — — — —

— כאַ־כאַ־כאַ! — האַוו־האַוו־האַוו! —
— צי טראַכסטו ניט אַמאָל, מיין טייערער דזשים, —
— נו, האָבן מיר דאָך צייט גענוג —
— אַרויסצורופן דרך־ארץ, —
— צו אונדז, מיט רויטע, ברייטע קאַרקן?! —
— און ווייל מיר אַרבעטן קיינמאָל ניט —
— אַז דאָס איז זייער גוט און קלוג —
— זיי, — הייסן אַרבעטן אין היץ, —
— ביז שוואַך און קראַנק, — אַף אונדז! צו שטאַרקן?! — — — —

— כאַ־כאַ־כאַ! — האַוו־האַוו־האַוו־האַוו! —
— נו, נאָך אַ שנעפּסל, דזשאָרדזש! —
— „אַרבעט, מאַכט דאָס לעבן זיס"... —
— זיי, אויסגעזויגן פון דער היץ, —
— זיי, ווערן בלאַסער אַלץ און בלאַסער: —
— און מיר, מיט רויטע, שטאַרקע קאַרקן. —
— וואַנצן! עקלהאַפט! פע! מיאוס! —
— מיר קלייבן שמאַלץ און — טונקען ניט —
— אַ פינגער איין אין קאַלטן וואַסער! — — — —

— כאַ־כאַ־כאַ! — האַוו־האַוו־האַוו־האַוו! —
— נו, נאָכאַמאָל — לחיים, דזשים! —
— פאַר אונדזער יושר־דיקער וועלט! — —
— יאָ — נאָך אַביסל „ביטער־טראָפּנס" —
— פאַרן לעבן, דעם צו זיסן. — —
— יאָ — דזשאָרדזש — מיר זיינען „ליבעראַלן"! — —
— נאָר — ס'איז — „עפּעס" — וואָס אונדז פעלט. —
— נו — יאָ! — אַ גאַנצן קאַסטאָר־בוים, —
— אָף אָפּצורייניקן — ס'געוויסן. — — —

— כאַ־כאַ־כאַ! –– האַוו־האַוו־האַוו! —
— איז — פאָרן מיר אַרויס היינט, אַפן לאַנד —
— מיט ווייבער און מיט — הינט! —
— און אַזאַ טעמפּ־געזונטער, פּרעכער־מונטער —
— איז דאָס לאַכן און דאָס בילן. — —
— האָ! האָ! — צופרידנקייט, צעטראָגט זיך —
— מיט פריש־געמאַכטן ווינט —
— פון אונדזערע גרויסע, קיל־צעיאָגטע, —
— ווי די שיפן — אויטאָמאָבילן! — — —

נעגער שפּיריטואַל

דו פֿרעגסט: פֿאַרוואָס איך, נעגער, וויין?
דיַין פֿראַגע פּיעשטשעט, קינדיש, מיך;
אָט לאַך איך שוין, אַזש ביז פֿאַרגיין,
צום שוואַרצן גראַם — מיט וויַיסע ציין...

אָ, וויַיסער ברודער, שטאָלצער דו,
דו עלטערער, אַלמעכטיקער, —
מיַין וויינען, קלאָגסטו, שטערט דיַין רו... —
גערעכט, — דו „אַלגערעכטיקער"...

גאָר רעכן אָפּ! — ביסט קעגן אונדז,
באַגאַנגען אויך פֿיל אוולעלאַך; —
פֿאַרנאַרט, געשמידט אין קייטן אונדז,
און — שפּין דיר גאָלד, פֿון באַנוועלאַך...

אַ קינד פֿון אַפֿריקאַנער ערד,
זאָגסט: — „איצט נאָך פֿויזען אויפֿגעהערט?" — — — — — —
זאָגסט: — „איצט אָפּ צוויי פּיס זיך געשטעלט?" —
מיט נייגיר צו באַגריַיפֿן וועלט!...

קומסט, ברודער עלטערער, צו־גאַסט,
צום אינגערן מיט שפּילכאַלאַך... —
פֿאַרנאַרט! פֿאַרקויפֿט! — פֿאַרהאַסט! —
און — מעלקסט פֿון אונדז אויס מילך אַ סך...

דו שערסט דעם וואָל שוין מיטן פלייש,
פון אונדז — די שווארצע שעפסעלאך;
דו האָסט אונדז „ליב", געבראָטן היים, —
און נאָכן „בראָטן" — שנעפסעלאך...

האָסט ליב אַרויפציען אונדז הויך,
„דערהויבן" „נידעריקע" „ברידערלאך", —
און — אַזש עס גייט פון אונדז אַ רויך, —
זינגסטו מיט ווייַן, דורך לידאַלאך: —

און פרעגסט: פאַרוואָס איך, נעגער, וויין? —
דיין פרעגן פיעשטשעט, קינדיש, מיך; —
אָט לאָך איך שוין אַזש ביז פאַרגיין,
צום שווארצן גראָם, מיט ווייסע ציין...

נאָר ווען ס'וועט פוילן דיין געביין, —
דיין קינד, וועט ווייַנען אין זיין וויג: —
וועט שטשערען נעגערס ווייסע ציין
אין פלאָם־געקנאַל פון נעגער־דזשיג!!

1920

מײַן צאָרן גײט

הײ! הײ! איר אַלע פֿאַלשע דאָרט,
איר חניפֿות'ניקעס, צבֿוע'יאַקעס, —
וואָס טיף אין האַלדז, פֿון גרויסער וועלט,
האָט איר זיך אויסגעזעצט ווי מכּות...

הײ! הײ! טרעט אָפּ דאָרט אָן א זײַט,
באַהאַלט זיך, קראָטן, אין די לעכער! —
די צאָרן־שטורעמדיקע צײַט,
צעשרײַט זיך ווײַט, שטײַגט העכער דעכער...

הײ! הײ! לאָזט דורך — מײַן צאָרן גײט!
רויט פֿון מײַן האַרץ אַף וועלט צעפֿלאַקערט;
איר, האָט אַלײן דעם האַס פֿאַרזײט, —
דעם צאָרן אין מײַן האַרץ פֿאַראַקערט...

אומזיסט, פֿון אַקערס, שמעלצט איר שפּיזן,
אומזיסט, אַף שווערדן, שמעלצט איר רעלצן! —
דער צאָרן־פֿײַער פֿון מײַן האַרץ,
וועט אײַער שווערד און שפּיז צעשמעלצן!...

1906

פון אַלע טאָג

דער דייטש און דער טענדלער

א שײנער טאָג. א רעגנדל און — זוניק.
אַט גייט פארבײַ דער דייטש, איז זאַט, געזונט:
ער קװעלט גאָר אָן, װי ס׳ליגן זיך — אַזױ־אָ
צונױפגעפלאָכטן, ס׳קעצל מיטן הונט...

ער גייט זײַן װעג, דער אַלטער דייטש, און — פלאַפלט,
אים פלאַפלט נאָך, א בלעטל אַפן בױם;
עס פלעכט דער הונט ארױס זײַן קאָפּ און — גענױצט,
קוקט מילד צום בױם, — א שײַכות צו זײַן טרױם...

גייט דורך א טענדלער, קראַצט די באָרד פון זאַפּרען,
ער זינגט אױס: „אַלטװארג... אַלטע זאַכן... שיך..."
עס שטשירעט אױס אַף אים דער הונט די צײנער,
דער טענדלער, כאַפּט דעם זאַק, שטעלט פיס — אַף גיך...

און לאַכט — װי ס׳גרעסטע גליק װאָלט אים געטראָפן! —
„ס׳א כלב!" — שאָקלט ער דעם קאָפּ צום דייטש.
געפעלט דעם אַלטן דייטש „דאַס ארמע יודע"...
מאַכט ער: „װי זינד געשעפטע? אונד, װי גאַיטע?"

געשעפטע?... — דאַנק׳ן ס׳לעבטיביק ניכטזאָ אי־אי־אי!...
און קראַצט געשמאַק אונטערן האַרטן קאַפּעליוש;
נעמט דער דייטש אַהײם „דען יודע", שײנקטע אים
דעם װײַב׳ס אַן אַלטן יאַק — פון „בעסטן פּליוש"...

דער מזל׳דיקער קצב

א „הכשר־באָרד״, און ליפּן — פליישיק.
מיט ווייצן — שמאַלציק, פּויף — א שיסער!
נו — האָבן ווייבער צו׳ן אים חשק: —
„זיין פלייש — איז „פרישער״, „זיסער״...

וואָס מער ער „טרייבערט״ אָט־די ווייבער,
אַלץ הייסער ברענט צו׳ן אים דער חשק.
זיין ווייץ, מאַכט שאָקלען זייערע לייבער.
און — כאַ־כאַ!.. — לאַכן פעט און פליישיק...

גאַנץ פרי — באַם יאַטקע, ברייט ווי פעסער,
זיי וואַרטן, אויסגעשטעלט אין רייע...
און ער — ער שליסט באַזאַכט די שלעסער,
ווי ס׳ליגט אים — „אין דער לינקער פּאה״...

ער עפנט שטאָלץ און ברייט די טירן —
און שטאָלץ, ווי „ס׳גלייכט זיך צו׳ן אים קיינער״ —
איז — הויבט ער אָן זיין „מלוכה״ פירן: —
טיילט איין — דאָס פלייש, — דערלייגט נאָך ביינער...

ווערט איינע לאַנגווייליק, שרייט — יעלה׳ס:
אָ, מיסטער! מאַכט עס גיכער, מיסטער! —
און ער — — בניעמות, נעמט די דאָלערס —
און קלינגט זיך פריילאַך דעם רעגיסטער...

ס׳ווייבל מיטן קינד

שוין דאָ דאָס לאַכנדיק בלאָנד ווייבל,
זי קעמט די האָר, און זיי — צעפאַלן...
אַזאַ מין שטילע, גוטע טייבל,
מיט גאָלדענע האָר — ווי „זונען־שטראַלן"...

ס׳איז שיין צו זען איר „בייבי" זויגן;
נאָר ס׳האַלט אין „מאַמאַ׳ס" מויל דעם פינגער!
קוקסט, און — גלויבסט ניט דיינע אויגן,
ווייסט ניט, ווער פון זיי איז יינגער?..

די „בייבים" קרויזע ווייסע הערלאַך,
נעמט אַ ווינטל אַף זיי בלאָזן —
איז — ווי וואָלקנדלאַך אין הימל,
נעמען ווייסענקע, זיך לאָזן...

סאָב־וויי

אַ שלאַנג אַ שטאָלענע, זי לויפט — פאַרדרייט זיך —
געשוואָלן, פול, מיט — פּאַסאַזשירן. —
זי שטעלט זיך, שפּייט מיט „גיפט", שלינגט מער איין...
מיט גומע־ליפּן, מיילער־טירן...

מיט גיפטיק־שאַרפע עלנבויגנס, —
יאָגט, לויפט „דאָס רויב" אין שלאַנג, נאָך ערטער. —
צעעפנט מען די שווערע צייטונג,
מיט הימל־שרייענדיקע ווערטער:

„געפונען היינט, דאָ אין אַ קעלטער,
אַ פּאָר מיליאָן פאַרפוילטע אייער!!"...
„יאַפּאַן האָט אויסגעשלאַכט ווי קעלבער,
פאַר פרישטיק — דריי מיליאָן קאָרייער!!"...

„בריטאַניע האָט געבאָמבאַדירט היינט,
באַם שוואַרצן ים, די באָלשעוויקעס!"...
„אַז באָלשעוויקעס זיינען רויטע, —
שרייט זייער בלוט, אַף ענגלאַנד'ס שטיקעס!"...

די שלאַנג — זי שטעלט זיך, שלינגט איין — טויזנט —
און — מיטן רויב אין בויך — אַנטלאָפן...
טייל — האַלב־פאַרדייעט, — לעזן, געניצן...
טייל — גאַנץ־פאַרדייעט, טויט־מיד — שלאָפן. — — — —

דער סאָציאַליסטישער רעדנער

דער רעדנער, שטייט באַם בוים, אין דר'הויך,
און קלינגט מיט קליגענדיק־קלוגע ווערטער...
אַלץ ווייסט ער, אָט־דער קלוגער רעדנער;
פרעגט „ווער־וואָס־ווען", איז — באַלד דערקלערט ער!...

דאָס פאָלק — ווי דער צעצווייגטער בוים,
שטייט איינגעוואַקסן אָפן אָרט,
הערט צו דעם רעדנער'ס קלוגע רייד,
און שלינגט מיט דורשט זיין יעדן וואָרט, —
אָט, ווי אַ גוטן, שטאַרקן וויין,
פאַרביסן מיט געשמאַקן טאָרט...

ער וויזט מיט ראיות... און — שרייט אויס: —
„ס'באַלאַנגט צו'ן אייך אַלץ!!! — אַלע זאַכן!!! —
נאָר איר — זיינט מעלקיקע בהמות!!!" —
זיי, אַפּלאָדירן שטאַרק און — לאַכן...

דער רעדנער, וואַקסט אויס, העכער־הויך!
ער רעדט און רעדט און ווישט דעם שוויס...
טייל — שאָקלען צו די קעפּ: „ס'איז וואָר"...
טייל: — „ס'ווייסן מיר... יאָ, ער — ער ווייס"...
מיד, פאַר'חלש'ט האָרכט דער בוים, —
ער רירט ניט מיט קיין בלעטל... — הייס...

.1919

תורה איז די בעסטע סחורה

הימלען, שפּאַלט זיך — צום פּמליא! —
מיט טראָמבאָן, מיט פּויק און באַס;
טראָמבאָניני, פון איטאַליע, —
שפּילט „התקוה" — שפּאַלט די גאַס! — — — —

אַטאַ... טאַטאַ... טאַ—פּעט... טאַפּעט...
לידל... דידל... פּאַ... פּאַ... פּאַ!... — — —
ס'ווייען פאַנען — — סטוצאַכאַפּעט!...
„שטערן־שטרייפן" — — — „ווייס־און־בלאַ!" — — — —

אידן, הוליעט! אידן, הוליעט!
ס'קומט אַף אונדז אַ גרויסע פרייד; —
ווייך און ווארים איינגעטוליעט,
שלאָפן מיר, געזונטערהייט...

נו, וואָס איז אַזוי די שמחה?
וואָס־זשע טוט זיך אָפּ היינט דאָ?
מ'דאַוונט אין די בראָנקס גאָר מנחה
אין אַ מזל'דיקער שעה? — — —

ניט מיט מיידלאַך — נאָר „עלניו"
„גייען־אויס" היינט ספּאָרטלאַך־„באָיס",
נעבאַך, זאָגט מיט זיי „ענינו", —
„אידן", נעבאַך, „גייען־אויס". — — — —

צו „עלניו" „כראַקען" „באַיעס" —
„מאַמעס זינדלאַך" — מאַניוקירט...
מירצעשעם באַלד „דאָקטערס", „לאַיערס", —
גלאַט־פאַרקעמטע, פאַרפומירט...

און די „שטאָלצע" „טאַטנס טעכטער" —
„ברייטהאַרציק", — מיט פודער, פאַרב, —
הובליען, קלעצערדיק — געלעכטער,
וועלט־פאַרשלינגעריש, כאַטש — שטאַרב!... —

(אויף צעפּוקעניש די גוים —
אירלענדער, פון דעם קוואַרטאַל,
נישט פאַרגינעריש — רשעים —
שפּייען אוים מיט גיפט און גאַל...).

אידן, עסט! ס'איז אָן א מקח!
אומגעוואויגן! אומגעציילט!
הורא! קישקע! בראַנפן, לקח! —
מיסטער גאָלד! „פּרעזידענט" דערוויילט!! — — — —

מיסטער גאָלד, אָט־אָט־אָ שטייט ער,
מיט א קערקל ברייט און רויט,
האָט ער א בורלעסק־„טייעיטער",
מיט גאָט'ס הילף, דאָ, אויסגעבויט...

און — א גאַנצן צייל מיט קרעמלאַך,
און א שול, א פּובליק מאַרק,
און — מיט „גאָטקייט", הערינג, שוועמלאַך,
וועט דאָ שמעקן „שאַרף" און „שטאַרק"...

ליכט און לופט? א הינטער־פענצטער?
זונלאַז? — זינלאַז! — ס׳ליגט אין דעם א זין: —
אַט דער עלטסטער זון, דער שענסטער,
„פינישט" „דאָק"(טער) „מעדיסין". — — —

——::——

מיסטער גאָלד, א דאַנק דעם בורא,
פ׳שטייט — פארשטייט איר מיך — געשעפט, —
„גיט ער איין" אין שול א תורה, —
תורה־סחורה — שטארק באהעפט! —

ציט זיך, ציט זיך די „פּאַצעסיע" —
פון זיין פיש־מארק צו זיין קלויז; —
מיסטער גאָלד און ס׳ווייב חיה־פּעסיע,
מיט דער תורה׳לע — פאָראויס...

פּאָ... פּאָ... פּאָ... פּאָ!... טאָ... פּעט... טאָפּעט!...
לידל... דידל... פּאָ... פּאָ... פּאָ!... —
ס׳ווייען פאָנען, — סטוצאַכאָפּעט...
„שטערן־שטרייפן"... „ווייס־און־בלאָ"...

הימלען, שפּאַלט זיך! צום פּמליא!
מיט טראָמבאָן, מיט פּויק און באַס!
טראָמבאָניני׳ס זין — איטאַליעס! —
רייבט „התקוה", זעצט מיט דזשאַז!! — — — —

אין קעניגרייך „ניט-געדייגעט“

וואָס טויג, אַז ס'איז שיין אין די בערג, דאָ באַם האָדסאָן?
און — מ'שרייט: „ס'איז פּאָעטיש!“ „ס'אַ װאָרער גאַניידן!“? —
אַז, לויט דיקטאַטור פון דעם גרויסן „װייזאָסאָן“,
טאָר מען מער דאָ קיין אידיש, נאָט טראַכטן, ניט ריידן!...

און ס'ציטערן אַף ענגליש די כוואַליעס פון האָדסאָן: —
„... פאַרשוועכט איז דאָס אידישע וואָרט „ניט-געדייגעט“,
אַמעריקאַ(נאַ)ניזירט, — לויט װייזאָסאָן,
אוי, קאַלט!... ס'פייפט דער דלות — אַ סיבירישע טייגע!...

און וואָס טראַכט היינט די נאַכט? און וואָס קלערן די שטערן? —
און וואָס טראַכטן פונעם רייך „ניט-געדייגעט“ די הימלען? —
עס טראַכטן די שטערן — און דייגען און — קלערן: —
אַז — ס'וועט די לבנה, דאָ אָנהויבן שימלען...

„וואָטצעמעטער?“ — פרעגט באַם הימל דער וואַלד פון צעדער,
און שאָקלט זיך זייער און זייער און — זייער...
צעקראַכט זיך אַ וואָלקן — אַמעריקאַניזירט: „וואָצעמעדער?!“
און — ס'קראַכן איז גרויזאַם — ווי קיכלאַך אַף אייער!...

נאָר איינער, אַ שטערן, אַ קליינער, פאַרשייטער,
טיף, הינטער אַ וואָלקן — אַ קו מיט אַן אייטער (?) —
לאַכט — האַלט זיך באַ די זייטן: „ווילסט וויסן די סיבה?“ —
„אַמעריקאַניזירט, אזש עס פּרירט. און — ניטאָ דאָ קיין ליבע!...

און וואָס קומט אַרויסעט? און וואָס איז די פּעולה?
די זון — שיינט דאָ זוניק? לבנה — לבנה׳יק? —
די שטערן — זיי לאַכן זיך בייכלאַך אָן פולע:
„... די לבנה — זי פּוצט זיך אין עסיק און האָניק;"

נאָר וואָס איז די פּעולה? זי בלאָנדזשעט דאָ אומ׳עט,
אַ בלאַסע, פאַרפּוצטע, — די הימלישע פּריצטע?! —
אַז ס׳האַרץ אין איר — שימלט, פאַר צער און פאַר אומעט;
איר פּראַכט־גלאַנץ, פאַר ליבע — וועלקט, נישט קיין געניצטע!

ווייל — אויב זי וויל זען, וואָס הייסט: „לעבן און לאַכן",
טאָ זאָל זי גיין זען בעסער, וואָס ס׳טוען מאַכן,
אין די מאָנאַסטירן — מאָנאַשקעס, מאָנאַכן!...
ווייל דאָ שטעקט נאָר „בלאָף" — הינטער רויטע רובאַשקעס,
דאָ פוילן די אמת׳ע שוואַרצע מאָנאַשקעס!...

ווייל, וואָס קומט אַרויס, אַז זי שיינט, די לבנה?
און פויגלדיק, פויגלדיק־שיין, זינגען פויגל?
אַז שטאָט ליבע, שפּרייט פליגלען אין האַרץ — אַ וואָראָנע!
און לעבן אָן ליבע — אַ לאָך אָן אַ בייגל...

און וואָס קומט אַרויס, אַז מע גיט אַ סך עסן?
און ס'הייראַטן בלומען, אין לאַנד ניט־געדרייגעט?
אַז ס'וועלקן די „פּלאַרעס" און „ראָזעס" פאַרזעסן, —
די ליבע — זיצט שבעה, און אויקעט און אייקעט!...

——::——

און פּלוצלונג — וואָס קנייטשן די שטערנס — די שטערן,
אין שפּיגל פון האָדסאָן, באַם לאַנד ניט־געדרייגעט? —
— זיי האָרכן און הערן: אַ ים רוישט פון — טרערן, —
אַפן באַרג, אין אַ ביידל, מע יאָמערט, מע אייקעט:

„... ליג דיין (פּוסטן) קאָפּ אױף מיינע קני (די האַרטע),
גוט אַזוי צו ליגן (אוי, ס'אַ גרויסער ליגן...);
איך — וועל גלעטן דיך דיין ראָזן פּליך, דעם צאַרטן,
און דו — וועסט כאַפּן, פּעטש און פליגן..."

——::——

און פּלוצלונג: עס פליען אָן שוואַרץ, מחנות וואָלקן...
אַ קראַך; אַ לאַך! מיט אַ בליץ פון די הימלען, די זיבן:
„סאַם" ררעוואָלוציאָנערן! ווער האָט אייך געמאָלקן? —
זיי האָבן זיך מורא, אַפילו צו ליבן!..."

און הינטער די וואָלקן, צעלאַכט זיך אַ שטערן:
„צי ווייסן די קעמפער, די עסער און קייער,
אַז ניט אַלץ מוז אַ טרויריק ווייזאָסאַ־וויץ ווערן;
וואָס נודיעט דאָ, — טויג ניט אַפילו צום פייער."

וויים דער יאַט מיט דער שמאַטקע — שטאַט גאָלדענע פּאַלעטן,
וואָס זעצט וויצן צום לאַכן, פּאַר קינדער און באַבעס,
אַז ער קוילעט די לופט מיט פּאַרפּוילטע קופּלעטן,
וואָס „פּאַסט־צאַך״ צום גראַם, ווי אַ פּאַטש צו גוט־שבת...

אַז זיין פּליוכען מיט רעדעס, פון עמערס און צעבערס,
מאַכט צום כראַפּן געשמאַק אונטער רעדנער־טשאַד, ליאַרעם,
באַם פייער אָן פייער, טויט־קאַלטע לונג־און־לעבערס,
מיט לעבלאַכע הערצער, נישט קאַלט און נישט וואַרעם!

צי וויסן די קעמפער, די עסער און קייער,
וואָס שמעקן מיט עמאַ גאָלדמאַנ׳ס (פּאָפּ)לעקציעס פון „שמיבע״,
אַז די טרוקענע רעדעס מעגן ברענען אין פייער,
ווען עס גריזשעט מיט פייער דער הונגער־וואָלף — ליבע?

דער הונגער־וואָלף — ליבע, וואָס טרויערט און לויערט,
מיט וועלפישע ציין, סיי אָף באַנגעלאַך, ביידלאַך,
אַזוי ווי אַ קעמל אין מדבר, וואָס הויערט,
אין מדבר — אין האַרץ, פון בחורים און מיידלאַך. —

וואָס כראַפּען געוויקלט אין קאָלדרעס, ווי — „ריזן״,
און טרוימען פון: „בולבע מיט הערינג״ — אַ סך, קיין עין־הרע...
די אמת׳ע קעמפער! — אַנשטאָט קאַפּיטאַליזם —
ווי „העלדן״ באַקעמפן זיי דעם — יצר־הרע! — — — —

און זעט איר דעם האָדסאָן, דעם ברייטן, דעם טיפן? —
ער איז גאָר אַ נעבאַכדיק־אָרימער טראָפּן,
אין פאַרגלייך מיט די ימ'ען פון טרערן, וואָס טריפן
פון ניט קיין געבוירענע קעמפער, וואָס קלאָגן צוקאָפּנס.

——::——

איין טרייסט כאָטש — איך האָב אַ קאָמסאָמאָלקע, — אַ מיידל,
וואָס טרייסלט זיי אָלעמען אויס דאָ פון קליידל...
נישט עסיק — היים בלוט, זינגט באַ איר אין די גלידער!
געשאָטנט — קיל — וועלדער, געזונגאָלדיקט — לידער!
מיט פרוכטבאַרע ברוסטן, און פרוכטבאַרע לענדן,
וואָס מאַניען מיט וואונדער, וואָס כישוף'ן, בלענדן,
מיין היים רעוואָלוציאָנערישן בלוט, צו פאַרשווענדן.

און זאָלן — די יענטעס, פאַרשימלטע יאָכעס,
מיט דופט פון עמאַ גאָלדמאַנ'ס דאיאָנים — צעלאָכעס,
אַלע „גאָר־נישט־מע־טאָר־נישטן" — קושן די — לוחות...

1931

אי אַלס מיטל — אי אַלס ציל

מאַכט ער: וואָס טויג אונדז און וואָס העלפט,
דאָס דעבאַ—טירן? דעבאַ—פּענצטער—ן? —
אַהער, דאַלאַנגט די שווערד! — אַף העלפּט
צעשניידן אים, דיין שענסטן זון. — — —

——::——

אַז אין דר׳היים האָט׳ן געהייסן „לאַה־איטל״ —
הייסט׳ן באַ „קאָלאָמבוס׳ן״, ס׳הייסט, הייסט עס: „ליל״;
האָט׳ן שוין געפּרופּט דאָ, יעדן מינדסטן מיטל,
אוי! אַריינצוקריגן „אים״ — איר העכסטן ציל...

טראַכט און קען זיך ניט באַשליסן — לאַה־איטל,
וואו היינט אָונט, זוכן „אים״, איר „לעבנסציל״, —
צו דער לעקציע, ציט דאָס היימיש „לאַה־איטל״,
וויל ס׳קאָלומבוס־האַרץ, פון „ליל״ — צום וואָדעוויל...

——::——

איז — אָט־אָט־האָסטו דיר אַ נייעם סאָרט קאַפּיטל!
לאַנג־שוין — לאַנג־שוין־לאַנג, געוועזן מיט אידיש שטיל, —
... אידיש — אַלס אַ העמד בלויז? צי, אַלס הייליק קיטל?
אידיש — אַלס אַ מכה? אידיש — בלויז אַלס גיל? —

אידיש — ס'איינציק צעדערל פון הערצל־וואלד אלס ריטל, —
אַנצושמייסן שקאַפּע ציון בלויז — אלס פּיל! —
„אידיש?" — — ס'איז א סברה, ס'ערשטע „אידיש"־לידל,
ט'מען געזונגען שוין פאַרצייטנס נאָך באַם ניל!...

אידיש — אלס א וואָגן? אידיש — אלס א שליטל,
אריינצושליטלען רעוואָלוציעס! — נאָכדעם — שטיל...
אידיש — אלס די „שווייקאַ" פאַר א דאָקטער־טיטל,
נאָכדעם? — זאָל די „שווייקאַ" גיין זיך: „וואו זי וויל". — — —

אידיש — אלס א „גאַנצע"? אידיש — אלס א — „דריטל"?... —
ס'רוישט, עס רוישט אין קאָפּ פון „ליל", ווי אין א מיל:
אידיש — אלס א קאַפּעליוש, צו דרייען אלס א היטל, —
אידיש — „פּופּציק סענט אריינגאַנג" — „מיטל? — ציל?" —

———::———

„... איז דאָס אידיש? איז דאָס — אידיש!... — שור, א מיטל!"
„שור! סאָם קוועסטשאָן?! — פאָני! — שור — א ציל!" —
פּירט... „באַצירט"... באַשמירט, דעם בלאָסן ביטער־ביטל
אויף די דינע ליפּן מיטן ליפּשטאָק — ליל.

איז די פראַגע איצט באַם שפּיגל: „וואָסער היטל?
וועלכעס קלייד, וועט פריער פירן איר צום ציל?"
פּופּציק סענט — אוי! קאָסט „ארייגגאַנג" פּאַר א קוויטל...
„באָיעם"? — טויזנט! וועלן זיין דאָרט „באָיעם" — פיל! — — —

——::——

... און דער רעדנער, רעגט זיך, רעגט זיך, רעגט זיך היציק,
אַזש — עס הוידעט זיך איר בוזים מיט געפיל...
ס'לויכטן סודת'דיק די אויגן, — בליצן שפּריצן,
ס'ציט צום בלאָנדן „מיטל"... אי צום טונקעלן „ציל"!...

שטייט א ריז — א „באָי" ברונעט און שלאַנק — א צעדער! —
הינטער ליליע'ן, — בורטשעט, בורטשעט, וואָרטשעט שטיל; —
אַלס דער הייסער אָנהענגער פון „מיטל"־רעדנער,
אַלס גזלניש־קאַלטער געגענער פון „ציל"...

דאָ פאַרגעסט זיך ליל אָן אידיש אַלס א „מיטל",
און אָף ענגליש שיר־שיר־שיר צעשטערט דעם ציל...
„אידיאָט!" — דאַלאַנגט זי אים זיין „שיינעם" טיטל,
און צעמאַלט אים אין איר מיידל־מיילכל־מיל:

„העי! — מאכט זי— ששאראפ! איף יו דאָנט סטאפ,—אי׳ל סטאפ יו!”...
נו — ווייסט מען דאָך — מאכט ער צו איר: „שאראפ־יור־סעלף!...”
„העי — פארמעסט זיך ליל: — איף יו, דאָנט סטאפ? — אי׳ל פלאפ־יו!...”
נו — מיינט מען דאָך — אָט־אָט צערייסן זיך צוויי וועלף? —

גאָר! — בא מיידלאך דארפן „באָיעס” לערנען שכל!
לעבן זאָל דאָס אייביק־„חוה”־ווייך געפיל:
אז זי זעט, „ס׳האלט שמאָל”, דערשיסט זי אים — א שמייכל...
און — די „קויל” טרעפט אין זיין הארץ — איר טיפסטן ציל.

„ס׳אף געלעכטער!...” — פאלט דער בחור — אפן שכל.
לעבן זאָל דאָס אייביק אָדם־ליים־געפיל. —
דריקט צום אָרעם איר, ווייך־פגר׳דיק — צעשמייכלט:
אינגליש — אלט א מיטל, אידיש — אלס א ציל. — — —

און ווי ס׳פירט זיך אף דער וועלט — שטייט אָן א היטל
אונדזער בחור מיט זיין מיידל, אונדזער „ליל”,
אין צייל מיט טויזנט פּאָרלאך פאר א „הייראט”־קוויטל,
אוי, ווער מיטל־ציל היינט טאנצן א קאדריל!

——::——

אוים מיט אידיש — אוים מיט אידן, כליפּע פידל —
יאשא, סאשא, מישא, טאָשא, — אי, ס׳א שפּיל!
אלע טראָגן צו צום וועלט־שפּיל, חוץ איר אידן,
שיילאָקס! — קלאָגט זיך חבר וואניא (ניט גאָר שטיל).

1929

ציבעלעזאַציערקע – ציוויליזאַציע בלע״ז

(ספּעציעל פאַרן „נעכטיקן טאָג״,
לכבוד דעם לינדבערג־פּאַראַד, בשנת תרע״ו)

אוי, קינדער! איז דאָס היינט אַ יום־טוב! — אוי קינדער! —
די וועלט, ווערט צעמאָלט אין איר ווינט־פּוסטן מילכל: —
ווער וויל זיין דער ערשטער, זען „לינדי׳ן״ — דאָס וואונדער?
דער ערשטער — אַף טויט זיך צעקוועטשן — איז בילכער!...

אוי, קינדער, — זינגט! טענצלט! פאַרהויבט די קאַפּאָטעס! —
„... אַ וואָרים, אַ בלינדער, אַף דר׳ערד, קריכט דאָס מענטשל.
ער שטעקט נאָך פאַר׳חזיר׳ט, ביז האַלדז, טיף אין בלאָטעס: —
אין זומפּ־נעץ־געזעץ — פון „געזעצמאַכערס״ רענצל...״

„אַנטדעקט שוין די פאָלן — דעם „נאַפּל״־עקוואַטאָר, —
נאָר, נאָך נישט אַנטדעקט זיך — דעם אייגענעם נאַפּל...
האַטענטאָט, פון דעם סטראַטאָספער־שלאַכט־פעלד־טעאַטער, —
עסט זיין ברודער־בהמה, שוין היינט מיט אַ גאָפּל...״

אוי, „לינדי״! אוי, „לינדי״! דו ווינט־מיל, דער גרעסטער, —
מאָלסט—ווינט־מעל, באַקסט—ווינט־ברויט, פול ווינט־גאָלד—דיין רענצל...
ס׳האָט ערד־וואַנץ די ערד, שוין מיט גאַז פאַרפעסטעט, —
מיט גאַז־באָמבעס „דופּט״ שוין פון הימל, דער ווענצל...

„נאָך הירזשען פון תוהו־ובהו, די פערדלאַך —״
מען רייט שוין אַף סטראַטאָספער־קליאַטשעס, פון עטהער,
ערשט פריש, נאָכן בלוטיק זיך ביקסלען און שווערדלען, —
זאָל אַ נייער דור טויטע, אונדז זיין „גוטע בעטער״...

„מער גאז!! — כל־זמן ס'פלאַקערט פון גאַז־דופט די תאוה...
שוין צייט, — שלעכטע וועלט, — דיך אַף „יענער־וועלט" שיקן...
און די ערד — זאָל אין דר'ערד גיין! זי טויג אין דר'ערד סאַי־ווי!! —
„זאָל לעבן דער — טויט, פון — אַלהעכסטן דערשטיקן!!"

——::——

„אַ נייע וועלט, רייבט זיך די אויגלאַך, אין וויגל, —
אינדערפרי, פון בראשית, פון איידערן איידער...
נאָך היים בלאַנקט דער פורעם, נאָך היים ברענט דער טיגל,
דאָס קינד, נאָך פאַרשלאָפן, האַלב־כאַאָס, האַלב־סדר..."

„נאָך יאָמערן שטורעמס, דעם ווייַ פון געבערן, —
די האָפענונג־וועלט פון בראשית־באַגינען, —
זי שרייט נאָך אין וויקעלאַך־קייטן פון — ווערן...
ערשט ניי, נאָכן — גאַזגיפט־און־גאַל — זיך באַגרינען..."

——::——

„אוי קינדערלאַך, קינדער! איז דאָס היינט אַ יום־טוב!
אוי ווייַ, איז דאָס וועלטעלע, היינט אַ בעל־שמחה! —
ווער וויל זיין דער ערשטער, זען לינדי'ן — דאָס וואונדער?
דער ערשטער — אַף טויט זיך צעקוועטשן — איז בילכער." — — —

1927

וואָס איז די וועלט?

(בדחניש)

אונדזער וועלט? — איז אַ בית־עלמין,
מיט קברים, צוגעפּוצט מיט קווייטלאַך, —
מיט טויטע דרשות — באַ באַנקעטן,
ווי רויכטיק־טשאַדנע חלב־קניטלאַך...

אונדזער וועלט? — איז גאָר אַ חתונה,
מען דאַרף „טאַלענט", זיך אויסצוטויגן,
צום פעטן פּאַרנט־חלק צו־צוקריכן...
מ'דאַרף — פּיס — און שאַרפע עלנבויגן...

אונדזער וועלט? — אַ פּאַרס, פון שטן,
מיט בלויז אַ פּאָר מינוט אַנטראַקטן...
וואָס לאָזט אונדז ניט „אהיים" גיין שלאָפן,
ביז — בלוטיק לאַכן אויס די אַקטן...

— אונדזער וועלט? — אַ מאַרק מיט קרעמלאַך,
פון הערינג, אידעאַלן, קייטן —
געזאַנג און פּראָזע — געטער־שוועמלאַך,
וואו איינער האַנדלט מיטן צווייטן...

אונדזער וועלט? — אַ שטיין, אַ האַרטער,
וואָס ווערט נאָר ווייך פון טרערן־טראָפּנס...
ס'מאַכט איינער, טויזנטער צום ווייגען,
ביז ס'ווערט דער שטיין, אים ווייך צוקאָפּנס...

אונדזער וועלט? — אַ ים, אַ טיפער,
וואו עפּר'ס טרינקען זיך אין אפר...
וויל עמיץ, ערגיץ — עפּעס זאָגן? —
שוין לאַנג פאַרשימלט אין אַ ספר...

1914

נעם און זאַלב זיך פאַר משיח

דו זעסט, די גאָלד־געוואויגענע פרוי —
וואָס צירט איר שמאַלץ מיט גאָלד־בענדלאַך...
און זעסט דעם גאָלד־געזויגענעם מאַן,
וואָס שמירט זיין האַרץ, מיט גאָלד־רענדלאַך...
קריכט אומעטום, אין מזרח־וואַנט,
דער זנאַכער־שאַכער־מאַכער, —
און זעצט זיך אַף דיין האַלדז ווי אַ געשוויר...

טאָ נעם די שמאַלציק־אַדעלע פרוי,
וואָס ס׳בליט מאַנדל־און־ראָזינקע־וועלט אַף איר קאַרק,
דעם פעפער־און־זאַלציק־גדלות׳דיקן מאַן,
וואָס פאַרהאַנדלט די פּאָזשימקע־וועלט אַפן מאַרק,
צעשניידט די מאַמע (ערד) אַף לקחילאַך...
פאַרבויט די וועלט מיט תפיסות...
פאַרדינגט זיי, אַף פראָצענט, אַף אייביק דיר...

און זיינע שרייבערלאַך, רעדאַקטאָרלאַך,
וואָס האַנדלען אין רעדאַקציעס־קרעמלאַך,
די קונסט־אַגענטן, קריטיק־פאַקטאָרלאַך,
פון גאַטשעס, געטער, אַקציעס, שוועמלאַך...
אָט זיי, — די געלד־זעקלאַך — אַף פיסעלאַך...
די פליי, מיט שפּילקע־מאַרכלאַך, —
ווייז זיי, מיט „קונסט" פון מיסט־גאָפּלען, די טיר!...

ליג געץ אפֿן קני און שמיים אים אָפּ, —
ניטאָ, חוץ דיר, קיין גאָט — קיין אויבן!...
גלויב נאָר אין זיך — דו מענטש, ביסט — גאָט,
די מענטשהייט — דיין געבאָט און גלויבן...
און זי — און ער — און איך — און דו, —
מיר זאָלבן זיך משיח. —
אויב ניט אַליין פֿאַר זיך? ווער דען פֿאַר מיר?!

און נעם זיך, קיך־פֿאַרשפּאַרטע פֿרוי,
וואָס דיין באַרוף איז — קיך־פֿענדלאַך, —
און דו — פֿאַבריק־פֿאַרשפּאַרטער מאַן,
וואָס דיין באַרוף איז — שיך־בענדלאַך —
וואָס שטיל שטייסטו פֿון וועלט פֿאַרשטעלט,
פֿאַרקלעמטע און פֿאַרשעמטער —
און זאָלב זיך פֿאַר משיח איבער דיר...

1915

III

ריין... ריין... מייַן בלוט, ריין... ריין...

פּאַעט פון אינטראַ־קרעדאַ, ראַנג: —
„צי איך זינג?" „צי איך זינג?" „מע הערט מעך נישט?" —
און — „סימאַד" איך „גלאַט אַזוי?" — — „אַזוי זיך?" —
— שטעפּ קליידלאַך, — ימ'ען, — אָן אַ גרעניץ!

„כאַ! כאַ! — צי איך זינג?!" — יאָ, נאָר געזאַנג!
אַז ניכטער, קאַלט, אָן ווייַן, אָן ווייַב... —
ווער דען וועט וועלט געזאַנג פאַרזאָרגן,
ס'זאָל וועלט, ניט אויסגיין מיט אַ געניץ?

ווער ס'ארבעט ניט, האָט צייט גענוג,
צו קלייבן כבוד — געלט אין באַנק...
איך אַרבעט — טו, — האָב איך קיין צייט ניט,
פאַר אַ ווייַב און קינדער, ברויט פאַרדינען...

„וואָס ווער איך גראָ?" — „פון ווייַן און ווייַב?" —
— וואָס „יענער" האָט! איך — בלויז געזאַנג!
דער „חלום־כלה", — פון די קליידלאַך, —
מיט בלוט, דורך נעכט, — זינג — ביז באַגינען. — — — —

„צי איך זינג?!" — זייער פיל! נאָר נישט גענוג,
פאַר מייַן היים בלוט. די צייט פאַרטרייַב, —
פאַר מייַנע קינדער — מייַנע לידער,
אויף ברויט, אָן אויסגעדאַרטן פּעניץ; —

שטעפּנדיק, אַ שוואַרצן לעבן — פון דער פעך,
ימ'ען ווייסע חופּה־קליידלאַך,
(זיידענע!) אויף אַ שטעפּ־מאַשינדל,
פּער טוץ — אַ דאָלער 99 פּענים. — — — —

—:—

וואָס גייט דען אָן דער געניץ־וועלט,
די זיבעטאַלבן הימלען, — וואָס איך טו?
צי כ'טו עס, פאַר די קינדער מיינע, —
די ניט געבאָרענע — פאַרשפּילן,
צום פלאַצן־אָנגעפּרעסענער פּוסטקייט,
מיט פייניק־תענוג אויסצופילן,
אין די געבאָרגטע בין־השמשות'ן,
פון — „וועמען?־ווי?־וואָס?־ווען?־ווער?־וואו?" —

ביז וויינשטאָק־וואָרצל, זויגט פון מיר, זיין ווין, —
און וואָרצלט, — דורך מיין הארץ, — צו אייך. זיין וועג —
נו — מוז איך דאָך, ווי די נביאים, מיט מיין בלוט־וויין,
פאַרגאַנצן וועלט־הארץ־בראָך און מוח־שפּאַלטן...
נו — מוז איך, מיט געדעמפּטע נאַכטיגאַלן־לידער,
און מיט גן־עדן־פויגל־חלום־יויך דערהאַלטן,
אָט די, גענומען אַף פּראָצענטער, קאַרגע נעכט,
און די פאַרראָסטע, סקריפּעדיקע טעג...

——::——

פאַרגייט, גייט אויף, — גייט אויף, פאַרגייט,
מײַן קלאַנגלאָז־בלאַסע, קאַרגע זון; —
דאָס אָפּגעקראָכן גראָע „זעלבע"
פון נעכטנס־אײערנעכטנס־האָפן,
די זעלבע אָפּגעניצטע נעכט,
פון אײערנעכטנס — איבערשלאָפן!
אוי, אומזין־זין! אוי, ציללאָז־ציל!
ווי פון א ניט־געליבטע, גרוילט דערפון...

מײַן צאָרן־שטורעם, שטײַגט צו הויך,
דאָ, אף דער פאַלשקייט, פון דעם לאַנד, —
„כאַ־כאַ! צו הויך!" — קייכט „נידריק־פאַלשקייט":
„קען נידריק ניט אראָפּ דײַן שטורעם!"
און ס'יאָמערט, קאָרטשעט זיך מײַן האַרץ, —
מײַן בלוט, פאַר אומגעדולד־יסורים;
נאָך בלאַנקט מײַן שווערד, אין האַנט בא „זיי" —
נו — פאָך איך מיט דער בלויזער האַנט. — — —

און דאָרט, — מיין יוגנט־חלום־לאַנד, —
אַ נייע, קלאַנגגען־בלאַנקע זון, בלאַנקט העל! — — —
רויט, ווי מיין שטורעם־בלוט — אַ ים, —
האָט זיך, פון האַרץ־פלאַמען צעבלאָזן...
און דאָ, — מיך עקלט, זייער ברעקלאַך־בליס, —
דער שרעק פון געלע, גראָע האָזן,
ווי מייז, אין זייער מינער גלייכן,
פרייכן, — ציטערן געל, — פאַר זייער פעל...

———::———

פאַרשפּינוועבט זויגט מיך גראָע צייט —
די קריכעדיקע, פעטע שפין...
איך וואָלט געקענט — מיט גרויס טאַלענט,
אויך אפשר זיין — אַ נייעס־בעקער,
נאָר — אַלץ איז — ווערימדיקער צופאַל! —
ווערט מיין טאַלענט, פאַרשוועגדט אַלס — שטעפער; —
נו — שטעפּ איך, — זינג איך, — שטעפער־זינגער,
אַף זן„זינגער״־זזינג־זזאַנג — שטעפּ־מאַשין...

אפֿן שטויב פֿון שויב, קלינגט אָוונט־זונגאָלד;
נאָר, ווער הערט זון־קלאַנג? שטעפּנדיק —
אוי, שטעפּ איך אוים מיליאַרדן „יאַרדן"
האַרץ — „באַנאַל־אָריגינעלע" לידער,
קושט־אוים מיין האַרץ „באַנאַל", אָן „קונסט"
דעם זונגאָלד־טרוים פֿון כלה־גלידער: — — —
א רויטער ים... — אריבער ים —
א ווייסער כלה־גלידער־בריק. — — —

נו, שטייג איך אויף, אַף מיין זזינג־„זזינגער"־זזינג,
עלעקטראָ־כישוף־פֿויגל־פֿערד. —
איך גאַלאָפּיר, צו דיר, איך גאַלאָפּיר. —
דער „חלום־ריטער"... — צו זיין „טרוים־פּרינצעסן!"...
שלינג שנעל, שלינג שנעל, מיין פֿערד, די ים'ען! —
פּאָדקאָוועס, — זאָלן מיילן פֿרעסן!...
די זון, לויפֿט נאָך, לויפֿט נאָך, — צינדט אָן,
מיין אינדערהויך־געצויגן שווערד...

קאַנאָנען קייכן: „כאַ־כאַ־כאַ־כאַך!!"...
איך — גאַלאָפּיר! איך — גאַלאָפּיר!...
בליץ שנעל! בליץ שנעל! — מיין פויגל־פערד!
צום טאַקט פון קרייזערס: „טאַכ־טע־דע־ראַכ־טאַך!"
דער פיינט, האָט האַרצלאָז, אין דיין ברוסט —
פאַר אימפעט־שנעלקייט — אויסגעטראַכטסטער —
געלאָזן שטעקן טיף זיין שווערד: —
אָ, כלה, — פון די חופּה־קליידלאַך,
שוין — כ'פיל דיין אָטעם, — כ'בין לעם דיר! —

צוויי שוואַנען ווייס, אַף רויטע כוואַליעס? —
דאָס שטרעקסטו אוים צו מיר די הענט...
וואָס גייט מיך אָן דער בלאַסער טויט?!
די ים'ען ברויזן, בלוטיק־רויטע!
דאָס רויטע לעבן, — מאַכט אַ בריק,
פון די מיליאָנען־מיליאַסן טויטע,
מיט טויזנט כחות, ברויזט דאָס לעבן.
צו דיר, — ברויזט איצט מיין האַרץ געװענדט...

כ׳הער: טויזנט מיילער — איינס צוזאמען, —
זיי טוען אזא קריץ די ציין —
אזש — אָט, דער הימל וועט א קראַך טאָן,
פון גרויל־און־שוידער־קריץ פון ציינער... —
איך הער, אין צען מיליאָן געפלעכט,
פון כלות, מוטערס, קינדערס ביינער,
א ווילד געפלעכטער פון געוויין,
אין א געלעכטער ביז פארגיין. — — —

— — אָט — ס׳האָט מיין וועלט געטאָן א בליץ,
— — דערטרונקען זיך אין וואָלקן שווארץ: — — — —
— — עס האָט אומפאַרזיכטיק מיין פערד, — — — —
— — ארויפגעטאנצט מיט דער פאָדקאָווע, — —
— — אף מוטער־זויגלינג הויפן ביינער, — — —
— — און ווי א יאָמערדיקע סאָווע — — — — —
— — האָט שארף צו מיר, אן אויפברויז — „אוי!״ — — — —
געטאָן א שפרונג פון מוטער־הארץ: — — —

— — — פון הונגעריקע מענטשן־וועלף — — — —
— — — געיאָגט, בין איך פאַרפאָלגט אַזוי — — —
פון הונגעריקע מענטשן־וועלף — — —
— — — מיט אונדזער גוסס קינד געלאָפן — — — —
— — — האָט מיך דער הונגעריקער וואָלף־מענטש — — — —
— — — מיטן „אוי״ אין האַרץ פאַרשלאָפן — — — —
— — — האָט די פאָדקאָווע, איצט, מיט האַסט — — — —
אַרויסגעפּלאַצט פון האַרץ דעם „אוי״. — — — —

— — — אַ יאָ? דערקענסט דאָך מיך? ס׳בין איך — — — —
— — — ביסטו? מיין גראָ־געוואָרענער פּרינץ? — — — —
— — — כאַפּ מיך אַרויף אויף דיין עלעקטראָ־פערד. — — — —
— — — אָ, שנעלער; שנעלער! כאַפּ די וואָפן — — — —
— — — דאָרט טיילט מען זיך מיט פעטע לענדער — — — —
— — — כאַפּ אויך, אין זאַק, אַ לאַנד פון שקלאַפן — — — —
— — — און ווער אַ בלוט־דורשטיקער קעניג — — — —
— — — פון אַ בלוט־פעטער פּראָווינץ. — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

קראַך! אַך! מייַן בלוט! — „וואָס האָט פּאַסירט?״...
„שטעלט אָפּ מאָטאָר!״... עלעקטראָ־פערד...
עס רינט פון מיר מייַן הייס רויט בלוט?
נאָר איך — פון הייסן בלוט, בין שיכור? —
צעפּלאַמט — אין קריג — מיט פאַלשער וועלט! —
דער פייַנט — די וועלט, רייַסט פון מיר שטיקער...
שטעלט אָפּ די זון! שטעלט אָפּ די ערד!
צעבראָכן — — — שטעקט אין האַנט — — — די שווערד... — — — — —

—::—

איך שוועב... איך שוועב... — אין ווייַן־בלוט־לאַנד...
אַ ווייסער ים, פון חופּה־קליידלאַך,
עס קרעכצט דער קעניג — בעל־הבית: —
„פּער טוץ — אַ דאָלער 99 פּענים. —
אין גאַנצן מיט זייַן בלוט פאַרשמוצט!״... —
דער „פאָרמאַן״ — דאָקטער... — קריטיק... געניצט, —
אַנאַליזירט די זאַך סאָליד, —
ווי אַ קריטיקער צענעמט אַ ליד. —
מיטן פאָנאָ, דורכן ערנסט־לאַנגן נאָז: —

„... געווען איז ער, אין טרערן־לאַנד,
אַף „זינגער" רייטנדיקערהייט,
פאַרטיידיקט „איר" פון מענטשן־וועלף —
זיין „טרוים־פרינצעסן", „חלום־מיידל"...
אַ וואונדערלאַך, ווי סטרונע גלייך,
ער'ט אָפּגעשטעפּט דעם זוים פון קליידל; —
דאָס האָט זיין ריטער־שטאָלץ געצויגן —
דורך נאָדלשטאַנג, דעם שווערד פון שייד...
— — — — — — — — — — — — — — — — —

——::——

אָ, דריי זיך, שפּין־ראָד, דריי זיך, שפּין...
זינג־„זינגער"־זינג... שפּין... שפּין... שפּין... שפּין...
די האַרץ באַנאַל־אָריגינאַלע לידער,
וואָס קושן ס'האַרץ מיר, שווערער־גרינגער — — — —
זינג: — וויים־געמיצטע, כלה־שוועסטער: —
ס'האָט דורכגעבלאַנקט, דורך מיינע פינגער,
די שטאָלן־בלאַנקע, שלאַנקע שטאַנג,
פון דער עלעקטראָ־„זזינגער"־זזינג־מאַשין? — — — —

און „רו" איך איצט אין ווייסן פּאַלאַץ? — — —
דאָ, אין שפּיטאָל, אַף ווייסער בעט — — — —
אַלס גענישלער קליידלאַך־„שעפּערי"? — — — —
און אַלס „באַנאַלער" האָף־פּאָעט? — — — —
כאָטש אָנערקענט פון — „פּראָלעט־קריט". — — — —
אַלס דער פּראָלעט־פּאָעט־לאָריעט? — — — —
זיך טרינקענדיק, אין זיידנס־שמוץ? — — —
פון ימ'ען, ווייסע חופּה־קליידלאַך? — — —
א דאָלער 99 סענט — פּער טוץ? — — — —

——::——

רין... רין... רין... רין... מיין בלוט, רין... רין...
אַ טראָפּן — אַ רובין... אַ טראָפּן — אַ רובין...
אַף ציטריק־בלאַנקן כלה־זיידנס, —
אָ! — „זינגער"־דיקע לידער מיינע! —
וויס גאָט, צי זיינען זיי גאָר „מאָדיש" היינט —
אַף דיין כלה־האַלדז — „רובינען" מיינע, —
וועט פּרעמד, ווער אויסקושן די נאַכט... — —
רין, רין... רין... רין... מיין בלוט — רין... רין... — — — —

1918

די וועלט איז ניטאָ אין דערהיים

גיי איך אום הער און הין, — באַ דער דרויסנדיקער וואַנט, —
באַ דער גאָלדענער וואַנט פון דער וועלט — אַ פאַרקלעמטער;
איך קלאַפּ אָן אין דער האַרט־קאַלטער, אייזערנער טיר,
קומט אַרויס אַ באַדינער — שרייט: „דאַרפסט ווּעמען האָבן?!"

שפּיכת־דמים׳דיק־טעמפּ איז דער טאָן פונם קנעכט,
טוט מיין בלוט זיך אַ גאָס, — ברען איך רויט — אַ פאַרשעמטער,
ווי די שאַנד פון אין־כאַאָס־געשענדטער וועלט,
וואָלט פאַר שאַנד, טיף אין מיר — אין איר גרוב זיך באַגראָבן...

„... צי איך דאַרף ווּעמען האָבן?!" — די וועלט! מיין געליבטע! —
איך גיי אויס... איך בין עלנד... איך דאַרף איר — פאַרזעונלאַך...
—יאָ?... די וועלט?... דיין געליבטע? — נישטאָ אין דערהיים איר!
נו — די וועלט, דיין געליבטע — איז שרעקלאַך פאַרנומען;

ווייל — די וועלט — מיין קינד, טאַטעלע, — — כאַ־כאַ; כאַ־כאַ!... —
דאַרף זיך דרייען, און — זייען מיט גאָלדענע שוועמלאַך!...
און אין אַלגעמיין — נו, אינטעליגענטיש גערעדט — „וואָאַפּשע!" —
ביסט אַ הונדערט יאָר צו־פרי־צו־שפּעט דאָ געקומען!... —

וועןן דו קענסט ערגעץ קריגןן פון יענע בארימטע...
(— ווארט... צעמישט מיך די יוצרות!...) — האסקאמעס!
פון דיקטאטאר (?) שין ניגער, צי כאטשבע פון — איינשטיין!
צי פון אידישן קריטיקער (?) בעניטא מוסאליני (?).

און דערצו — ווען דו קענסט צו דיין לידער־בוך קריגן —
אט, פון יענע... די צוגעניצט־אלטע האקדאמעס!
באם „טעיטער־פאטריאט" נאפאלעאן באנאפארטי,
צי באם קעניג פון פראנקרייך — סעינט בערל־ביטווינס! —

ווייל — דו ביסט אף דער וועלט דא, צופיל פאר—אליינקט!!
און — וואפשע — אזוי שוידערלאך אן רעקאמענדאציעס!
כאטש א שטיקל „אין־זיך־ניק"?! — זיצסט אין קאפע ראיאל?!
שוין געפוצט זיך מיטן שפאגל־ניי ווארט: „קרעדא־פוגע"?

א־יא, ניין? — נו — מע זעט: — בא דיר אויבן, דא — וויניס...
כ'ווייס? — נעם, און „פיל אויס את דעם פאק אפליקאציעס, —
ווייל שעפס — „דער פארפאסער" — דערציילט, אז א גראם,
„לויט מישמועסטי" — באם ים — האט געמאכט דיך משוגע (?)..." —

—יאָ, אפשר! — נאָר, כ׳לעבן — עט! נישט געגוג נאָך, —
אז איך זאָל, נאָכן שכל, ניט קענען פארשטיין,
אז א שעפּס — נאָכן שכל נאָך — ס׳האָט נישט קיין זינען! —
זאָל „אראָפּגיין״ פון זינען? און — ווערן משוגע? —

אויך מיין מאמע, — ווי איך, — פלעגט פאַרשטויסן פון סטאַדע
אליין זיין — ווי גאָט איז אין הימל אליין...
האָט איר שטעכיקע סטאַדע, געשטויסן, געשטאָכן:
„רעב רחל, די איינזאַם־משוגענע־קלוגע״...

קלאָגט ר׳ דן־אפּיקורס: — ס׳האָט די שעפּס, אין דעם מענטש —
ווי דער וואָלף, אין דעם מענטש — אונדזער וועלט דאָך פארנימעסט!
אָך! — זיי פרעסן דאָך מענטשן! — די „הומאַנ-Eat-ארן״!...
ווען עס גייט זיי צו גוט — מאַכט דאָס פעטקייט זיי מיאוס; —

ווען זיי פּאַשען זיך נאָך אויף די צייטונגען־בלעטער —
יאָ — די בלעטער פון קרויט, פון דעם וועלט־אַפּפאַל־צימעס; —
אָך! — פאַרבאָבקען זיי ניט נאָר די ערד! — אויך דעם הימל!
מיט ליטעראַרישע־נאַרישע, באָבקעס־נסיעות!.

——:·:——

ר׳ דן אפּיקורס, דער לויטערער למדן,
דער אמת׳ער אין־זיך־פאַרטיפט־טיפער חכם,
פלעגט אויסמיידן יוסטע באַלעבאַטים פון שטעטל,
קרומע רוקנס און בוימל־גע׳טובל׳טע צנועות...

פלעגט אָנקלאַפּן פריילאַך, דער מאַמען אין פענצטער:
„אַ פיינעם, אַ ברייטן גוט־מאָרגן, ר׳ רחל!״ —
פלעגט שעפּסנטום טרעסטשען, ווען זיי פלעגן שפּאַסן,
באַ אונדז אַפן פריזבע, פאַרטיפטע אין שמועס...

———::———

אויך איך, טרינק מיט בלוטיקן שפּאַס, ווי מיין מאַמע,
אָן „קונץ״ פון זיס־ביטערן קוואַל פּאָעזי...
און אַזוי ווי אַ גוי, נעבאַך, — טרעפט, — מוז זיין שיכור,
אַט אַזוי אויך מוז איך, באַ דער וועלט זיין אַ דיכטער...

און אויב, יאָ — צו מיין וויסטן שלים־מזל, — אַ דיכטער; —
באַנמנות! — איז כאָטשבי שוין זיין אַ זשעני...
נאָר — וועלט, וועלט! געליבטע — דו לאָזט מיט יובילייאומס
די זשעניען — באַם לעבן — שוין צו פאַר׳דמ׳ט ניכטער!

יאָ, משוגע! און דורשטיק, פאַר שיכרות, נאָך לעבן —
נאָך דיר, וועלט, מיין געליבטע, אָן פאַלשקייט, אָן נאַרן —
דער אָבער־און־ווידער־שפרונג! — לויף איך, זיך נאַרן
אַף „קוניי" — דעם „אינדזל" — משוגע׳נעם אינדזל...

איך — צו־גרויסער, צעבייט זיך מיט קליינוואַרג צו קליינגעלט,
צוזאַמען מיט גאָל־אויסגעגרינטע דאָלאַרן... —
העי! דלות׳דיק־דאָלער־צעביטענעם לעבן!
פאַר ניט זיין מיט דער וועלט — צאָל איר, — גאָל־גרינע צינזן!...

און לאָזט מיך — יונג־פנים׳דיק־גראָען — פּאַיאַץ זיין, —
פון אַלט־בבל, ניי־רוסלאַנד: פון יונג־גראָע צייטן!
מיט „פּאַרגאַנגענהייט־צוקונפט" אַ שפרונג נאַפּאָלעאָניש,
אַרויף — אַפן קינדעריש־הילצערן פערדל!...

אין מיין המן־טאַש־הוט, טו איך יאָמערדיק־לאַכעדיק,
שטאָלץ אין דער לופטן אַף צוועלף מיליאָן זייטן,
אַ צושנייד, פאַלשער וועלט — פון פאַלשוצקי־מוסאָליני —
מיטן בלייאיק־פּאַפּירן דיכטער־קינדערשן שווערדל! — :

„העי, קנעכט! זאָג דער וועלט, אַז מען טראָגט זיך ניט אום
מיטן פּעקל זשעני, ווי אברהם, מיט — אַן איי!
חוץ אַף נידריקע אַרבעט און הויכן געזאַנג,
ווערט מען צייט ניט פאַרוועגדט! — מיין הייס בלוט, ניט פאַרשווענדט!

ניט אַף חניפה צום רעדאַקטאָר — זיין וועלט שוין פאַרזאָרגט,
מיטן קאָפּ, וואָס זיצט אוים אַלע בענק פון קאַפּיי...
ניט אַף מעבל צו קויפן דער קריטיק — פרעס־אַגענט, —
נאָר — פאַר זיין „מאַיעסטעט" — מיין אַל־העכסטן טאַלענט! — — — —

לידער זוניק — די נעכט! — מיינע זוניקע טעג? —
איך פאַרשוואַרץ זיי בא בלאַנק־ווייסע חתונה־קליידלאַך!
כאָטש דאָרט — קערט זיך די וועלט! דאָרטן שטורעמט איר דרויסן!
איר זון — ברענט אַף ים'ען, וואָס שטורעמען, ברויזן!...

אַז דער וועלט, מיין געליבטע, כאַפּט די ניכפּה — דער „סלעק" —
און אין „סלעק"־צייטן האָבן ניט חתונה קיין מיידלאַך,
די זון ברענט, בחורים און ים'ען — זיי ברויזן... —
איך — פרעס; — פרעס און פרעס שוין גאָר ים'ען מיט — הויזן!————

טאָ היט זיך דאָרט, וועלט! ווייל דאָס מאַכט מען פאַר מיר היינט
אַף דיין יענער זייט וואַנט דאָרט דעם וואזשנעם יובילייאום, —
דאָס האָט — ווי געוויינלאַך — דער בחור־הזעצער —
על־פּי־טעות — געזעצט אויבן־אָן מאָטע־לייב'ן...

און אָט — זיין רייכע לויה — וואָס קומט נאָך יובילייאומס —
אַך! — טויזנטער דיכטער... — עס ציען זיך רייען...
אַלץ אים גאָר?! — אַ מכה! — אין קאַטעפאַלק — דאָס ליג איך!
וואָס איך הער?! — די קריטיק, טוט מיך הויבן און לויבן!.

איך ליג אין קאַסטן און — לאַך... שפּיל „אומשטערבלאַך"—„דעם טויטן"...
און — אוי וויי! — — איך פאַרקייך זיך מיט בלוט, פאַר געלעכטער!...
איך „לעב אַ טאָג" — נאָכן טויט!.. אָט אַזוי!... קוים דערלעבט זיך!
אוי, מאָטיע — מ'קען שטאַרבן! — זאָל איך אַזוי לעבן! —

דאָס איז אַלץ צוליב קנאה! — געמאַכטע בלבולים! —
אַז ס'איז אונדזער קריטיק אַ פאַרקויפטע, אַ שלעכטע;
דער זשעני וועט פאַר טויזנטער יאָר טויטן לעבן
קיין אויגנבליק לעבעדיקן טויט אייך נישט געבן!

ווײ־ווײ!... ס׳אַרא טומל! — עס רײסן זיך דיכטער;
ווײל יעדער וויל זײן פון די „נושאי־המטה". — — —
און זײן נאָמען, געדרוקט: ניט אין „פעטיט", נאָר אין „פּײקע" !...
באַטש נעם שפּרינג פון קאַסטן! — ווער קען רואיק ליגן?! —

„אין־זיך־איסטן", „אימאַזשיניסטן", „פּראָלעטפּענער", „קוביסטן"...
צעטײלט — ווי געווײנטלאַך — אין גרופּן און כתות —
די גרויסע „באַרימטהײטן" בלאָזן זיך ברוגז...
די קלײנע „זשעניעלאַך" — הודזען ווי פליגן. — — —

עד! — מיליאָן יאָר האָט געוואַרט און געדאַרט מײן באַרימטקײט,
ווי העלדזער, פּאַר — תליות... אַלץ דאַרער און קוואַרער...
כאַ־כאַ — כאַ!... כת־לצנים!... — ס׳בין איך שלימאַזאַלמען!
סאָלאָמאָן מיליאָנ־טהאַלבער! אידיש־פּוילישער קעניק!...

איך פּאַר׳סם מיט מײן גיפטיקן קעניג־שפּײ־שטאָלצקײט. —
אי דיך — דו בורזשוי! און אויך דיך — פּראָלעטאַריער! —
איר לעקט בײדע, געשמאַק — גאָרניט קלאַסנבאַוואוסט! —
דער — מײן בלוט, דער — מײן טרער... שטיל, פּאַר׳דמ׳ט אונטערטעניק!

יאָ, איך זיג! ס'הויבט מיך אַן ליב און זעל אזש צו בייסן,
אייער קנעכטישע-ליזיקע וועלט צו באַזיגן...
הויב איך אַן, פאַר גרוים צאָרן, נאָך טיפער צו שעלטן,
מיט בלוט-שטראָמען, העכער צום הימל צו שרייען;

נאָכן גאַז, פון דעם דזשאַז-גיפט — צו הינקען און שפרינגען, —
אזש דער קאָלנער ווערט ענג — מיטן העמד זיך צוקריגן...
מיטן גאַל-גרינעם ים, צו דער גאָלדענער וואַנט,
וואו עס טאַנצט מיין געליבטע — די וועלט — נעם איך שפייען...

„ער באַליידיקט מיין וועלט!" — הויבט אַן שרייען דער קנעכט.
„אַט, לאָזט מיך! איך גיי פון אים מאַכן א שוועמל!"
שוין געהערט?! אַזא צויג-זון! מיט ימ'ען גאָר שפייען!"
טוז — א קאַצן-שפּרונג — זעץ! מיר אין נאָז — א פליאוכע!...

„אַן עכטער משוגענער!" — הויבט מען אָן שרייען. —
עס שטראָמען אַן מאַסן... מען לויפט... ס'א געזעמל! —
מען קען ווערן משוגע, פון — ניט זיין משוגע! —
נעם איך קראַכן פון לאַכן און וויש זיך די יוכע...

שרייט דער קנעכט, איך פארבלוטיק די קינדער־באַלאָנען... —
ווייל — מיין בלוט־דינאמיט זאָל צערייסן וועלט'ס טראָגנען!
כ'האָב אליין ס'בלוט צעקראַצט זיך — דער וועלט אף צעלאָכעס,
און ליג חן־פלאַסטערס צו צו מיין ליב און מיין זעלע...

איך קלייב נחת און פריי זיך — אין פייניקונג־תענוג;
פריינט־דיכטער, זאָלן מאָנען, איך זאָל זיי דערמאָנען,
אין מיין בלוט־ווייניק־ווין־בלוטיק לידער־בוך־שיכרות
אפן לעצטן געדריי פון מיין טרוים־קאַרוסעלע. —

— נו! — יאָ! ווייל — כ'בין קעניג שלימע־זאַלמען! מיליאָנטהאַלבער!
פון — אָן קנעכט, פרי־פאַרשפּעטיקטער וועלט, דער גערעכטער!
פון גאָט־מענטש — אָן גוואַלט — מיט דער רויז פון רעכט־יושר. —
מיט בלוט יאָמערט גאָט־מענטש: — דערלייזן — רעכט־יושר. —

פאַרגייט זיך צוזאַמען מיט מיר, אף מיין האַלדז,
מיט פאַרבראָכענע הענט, ביז היסטעריש געלעכטער...
אזוי ווי אַ קינד, אומבאַהאָלפן, באַליידיקט...
מיט בלוט, אנשטאָט טרערן — אַזוי ווי אַ גרויסער!...

דאָס יאָמערט און כליפּעט דאָס נאָך ניט געבאָרן
שטאָלץ קינד, פון דער וועלט — אַף דער וועלט, אומגערעכטער —
צו יענער זייט גאָלדענער וואַנט — מיין געליבטע,
וואָס טאַנצט אַף געביין, פון די אייגענע קינדער...

און איך — איך צוניכטערטער — יאָג זיך און שלאָג זיך,
קאָפּ אָן וועלט־וואַנט, פון שיכור'ן לוט, מיט די טעכטער! —
איך וויל כאַפּן די וועלט, פאַרן גאָלד־שלומפּער־שלעפּ...
און זי — דרייט זיך און פרייט זיך — אַ שיכור'ער בלינדער!

ווי, ווי!... ווען איך קען דורך דער וואַנט איר דערלאַנגען...
אַ פּליק טאָן די גאָלד־שמאָכטעלייעס שאַלעמויזן!
און די גאָלדענע מאַסקעס־אַף־מאַסקעס צעטרעטן: —
„זע, וועלט, דיין צעפוילטקייט, אין ליכטיקן נאַקעט." —

„ווי פאַלש מע באַזינגט דיר, מיט פוילע סאָנעטן,
די מכות, געשווירן — דאָס בליען גאָר רויזן?...
קום, וואַרף זיך צו מיר, דיין געליבטן, אין אָרעם...
כ'וועל מיט קושן דיר היילן די וואונדן און מכות..."

נאָר זי — דרייט זיך! — אַ שד דרייט איר גאָלדענעם שלעפּ,
גיכער, גיכער... ווי דעם דיכטער, הערר הערמאַן גאָלד'ס וויכער!...
עס צעבלוטיקט זיך די זון אָן דער גאָלדענער וואַנט. —
צעלאַכן זיך טויזנט גאָלד־צייניקע שאָטנס...
קריכט דער שאָטן פון נאַכט, אַזוי היימלאַך־אומהיימלאַך...

שיינט און געניצט די לבנה, — פּאַרפּוצט ווי אַ פּריצטע, —
אַף זינלאָזע מענטשעלאַך, — ווערימלאַך — קריכער...
נאָר, וועלט — מיין געליבטע, מיין הייליקע, שיינע, —
וואו ביסטו? מיין חלום... „נישטאָ אין דער היים דיך!" — — — —

מיר ביידע, איך — און יעהאָווא, נעבאַך

אוּן ווער קען נישט יהאָווא'ן ? — אים,
וואָס האָט די וואונדער וועלט באַשאַפן ? —
דעם גרויסן קינסטלער, דעם באַרימטן,
אָנערקענטן און באַוואוסטן ? !...
שפּאַציר איך שטיל אַליין און טראַכט :
ס'אַ וועלט־באַשאַף ! — פון הערשער־שקלאַפן ! — — —
ערשט — — כ'זע : ער לויפט זיך טיף אין הימל,
אפן מילך־וועג, דאָ אַנוסטן...

„העלאָ", יעהאָווקע ! — „האָו־דו־יו־דו ? !" —
שוין ניט געזען אַ „שאָק מיט יאָרן" !... —
— „העלאָ" ! „העלאָ" ! — מאַכט ער — און לויפט : —
„כ'דאַרף צולויפן אַהינ־צי־צי..." —
— ווײ ! ווײ ! מיין גאָט ! — באַטראַכט איך אים —
אַ גרויל, וואָס ס'איז פון דיר געוואָרן ! — — —
וואו אײלסטו זיך ? וואו לויפסטו ? וואַרט נאָר !
קום אקאָרשט אַהער־צי־צי !...

עס איז דיר גאָרנישט צו דערקענען !
עך ! — ניט דערזעלביקער יהאָווקע !
געדיינקסט ? אַ חזיר'שן טאָג, —
געלעבט — „ווי גאָט לעבט אין אדעס !"...
אי, אָי — האָט „מען" זיך עס פאַר'שיכור'ט,
מיט דיר — אָדעסער'ל „דעשאָווקאַ" ! —
געשלונגען שטערן און — פאַרביסן,
מיט לבנה'ס שטיקער ווייסן קעז. — — —

מיט לילית, איילסט זיך ? ! — פּרואוו איך טרעפן. —
אָט דאָרט, אין וואָלקן־וואלד באַגעגענען ? —
— וואָס לילית ? ! — גיי, מיט איר, צום טיוול !
עס גידזשעט אין די זיבן הימלען,
איז — דענק איך, צייט שוין נעמען בליצן,
צו נעמען דונערן און רעגענען...
אַז ניט, וועט — ברודערקע — דאָס הארץ מיר
צעפּוילט ווערן, מיט זיבן שימלען !...

געדאַרפט — צעזיפּץ איך זיך — אַ פּאָר טאָן
אין „הימישן ווינקל" אַף וואַקאַציע ; —
קוקסט־אויס, — אַ שענערן פון דיר, דאָ
ליגט מען שוין אין דר'ערד אַריינגעט ; —
— גיי, נאַר ! ווער קען זיך היינט פאַרגינען !
נאָ דיר גאָר וואַקאַציע־שמאַציע ! —
ער וויל ניט הערן ! היצט זיך, קאָכט זיך !
און טרעפּעטשעט זיך און — טענה'ט : —

— און דאָ, איז, ברודער, גרויסע צרות
מיט דער „פלאָמבינג" פון די וואָלקן ! —
די חזיר'שע מלאכים־„יוניעס"
שטייען שוין אין סטרייק — מאַנאַטן !
די רערן — וויי איז מיר ! — פאַרשטאָפּט, —
ווי בוכוואַלד'ס מוח ! — אויסגעמאָלקן,
„טאָג־איין־טאָג־אויס" — ביז לעצטן שפּיי
הומאָר ! ! — אַ רוח אין זייער טאַטן ! — — —

און דו — מאַך איך — דו עסק'סט זיך נאָך —
אַלץ, מיט דיינע וועלטן? — הא? —
און — זע־נאַר! — ווער'ט דיך ס'קנעפּל
אויסגעריסן פון קאַפּאָטע? —
— נו, יאָ! — מאַכט ער — דו וויסטאַך שוין: —
„ניע מיעלאַ באַבאַ, קלאָפּאָטאַ!" — — —
יאָ — ס'קנעפּל? פרעגסטו? — אָפּגעבּיסן —
פאַר גרויסן וועלט־באַשאַף חרטה!! — — —

איז וואָס־זשע, „חבר", — זיפץ איך, — איילסטו?
וואָס דאַרפסטו דאָרט — אַהינ־צי־צי?
— גאָר פּשוט? — מאַכט ער — כדי כ'זאָל קענען
קומען צוריק — אַהער־צי־צי! —
ווייל — וויסטאַך, — טאָמער לויף איך ניט
אַט דאָרטן־אָ — אַהינצי־צי —
טאָ ווי וואָלט איך — דו נאַר! — געקענט
דאָ קומען צוריק — אַהער־צי־צי? — — —

און פּלוצלונג — — וויי! מיין גאָט! וואָס זע איך? —
מיט אַ וואָלקן — ווישט די טרערן: —
„אומשטיינס־געזאָגט — ווי קען מען שאַפן,
אַ וועלט! אין זעקס טאָג איילעניש? —
און — גאָט וויים! גאָט וויים! וואָס עס וועט נאָך
פון מיין אָרים וועלט דאָ ווערן?! —
געמאַכט פון — גאָרניש־ניש מיט — גאָר־ניש־ניש...
איז — גראַמט צעך עס, מיט — גאָרניש־ניש!...

אַ! גאָט, מײַן גאָט! ס'אַ װעלט! — זיפֿץ איך —
האָסט'ס אָנגעמאַכט אָט־דאָ אַנומלט! —
ס'אַ טומאה טומטום! — אידנטום־טום,
גואים'טום־טום! טומטום־טום!...
און מע טומטומט און מע טומאה'ט —
אומעטום — צום רומל, טומלט... —
ווי אױף אַ באַל — טאַנצט אום'עט, זשומעט, —
שטומער אומעט — אומעטום!! — — —

שוין איינמאָל אָנגעמאַכט — אַן „ערד־קוגל"!
אַ צאַצקע־קײַקעלע — אַ באַל! — — —
און — „כ'בעט דיר איבער, מיט דײַן כּבֿוד" —
פֿול די גאַנצע װעלט אַרום! —
נאָר איך און דו! מיר בײדע — עלנד, — —
— ווי געווײנלאַך — אױף אַ באַל: — — —
סע דרייט צעך... פֿרײט צעך... — ניט פֿאַר אונדז,
האָט גאָט, זײַן װעלט באַשאַפֿן! — קוּם! —

און לאָמיר לויפֿן! — ווי דו ס'ט אויבן
שוין געזאָגט — אַהינ־צי־צי; —
רעכט זאָגסטו: — כּדי צוקומען
דאָ, צוריק — אַהער־צי־צי! —
ווייל — טאָמער לױפֿן מיר ניט — אָט־אָ —
דאָרטן־אָ, אַהינ־צי־צי —
(— „פֿײַן אויסגעפּירט!" — „מע קען ניט זאָגן!" —)
טאָ — ווי ט'מען קומען צוריק — אַהער־צי־צי? — — — —

1930

IV

אין טרויער

(נאָך מיין הייליקער מינען)

אָ, הימל! ווען שוין — ווען? אָ, הימל,
קומט אָן מיין אויסלייזער — דיין מבול?
דער עולם־התחתון דאָ — איין רגע...
די רגע — אייביקייט, וואָס טרינקט זיך
אין הייסע פעך־ימ'ען — סעקונדן...
און ס'גרילצט און שלוקערצט, פרייכט און כאָרכלט,
דאָס אייביק־נאַריש קינדער־פּאַבל. —
און דאָ! — די זון מיט חוצפה־שטראַלן,
לאַכט — אף מיינע אָפענע וואונדן! —
„די זון!" — — ווען מ'לאָזט מיך צו, — צערייבן
איר, אף שטויב, בין איך קאַפּאַבל! —
ווען מ'לאָזט מיך צו — צו אים, צו „יענעם",
ווער עס האָט איר גאָר דערפונדן! —
בּאַ מיר, דעם אבל, — „צע'שטראַל'יאַיעט" — — —
ווי אף א חתונה — צעצונדן! —
צו וואָס, דער זון־צעשטראַלטער יום־טוב,
פאַר מיר, דעם יאָמערדיקן אבל?
אין וועלט־פאַרשטעלטע טעג, פאַרוויינטע,
אף ערגערע — פאַרלאַכטע, וואַרטן? —
צו וואָס לבנה־נעכט — יונג־גראָען?
א בוך מיין לעבן — בלויז צוויי טאָוול, —

צו וואָס נאָך נעכט ניט שלאָפן? — האָפן?... —
אַף נאָך אַ גאָלדגעס שטיין, אַ האַרטן,
זאָלן פאַלן, מיך מיין קאָפּ צעפּלעטן,
אָט דאָ, אין וויסט־צעמישטן בבל? —
און ווי אַ כלה ליב, דערוואַרטן, —
דעם זיסן טויט, דעם לאַנג־געגאַרטן?...
צו וואָס די פרייד, פון רחבות־ברייטע,
ווייץ־און־קאָרן־פעלדער כוואַליעס? —
אַז כ׳ווינש זיך, — מיטן ערשטן ביסן,
פון מיין פאַרטרערטן ברויט — דערווערגן!
און וואָס, אַז שווייַן־וועלט, וועט זיך באָדן,
אַלץ מער, אין זומפּ, פון גאָלדנע טאָלערס? —
און אַז עס וועט די וועלט, די קאַרגע,
מיט גאָלד, צעבערגלען זיך, — צעבערגן, —
וועל איך, זיך אייביק אַלץ, ניט טרינקען,
אין דעם גאָלד־זומפּ, פון איר דלות? —
וועט מיך, די גרויסע וועלט־גליק־חורבה —
כאָטש מער, ווי ביז, צום טויט דערווערגן?! — — —

1931

וואונדער
(וויאַלעטן)

מיין געשאַנק פון געזאַנג, צו דיר — מיידל,
דיר — וואונדער,
קליין מיידל — גרויס וואונדער.
שטיל, הויכער געדאַנק, —
ערגעץ וואו אַף אַ זאַמדיקן וועג,
שטייט דיין שוועסטערל — זאַנג,
הערט זיך צו, צו אַ זון־הייסן קלאַנג,
פון קאָרנפעלד ווייט, גאַנץ באַזונדער;
קליין מיידל — גרויס וואונדער.
און ס'איז נישט קיין וואונדער —
אַז ס'גילט נאָך אַלס וואונדער,
וואָס וועלט'ס גרעסטע וואונדער,
האָט קיינמאָל די וועלט, נישט באַוואונדערט
מיט אמת'ן וואונדער... —
בלויז וואונדער, וואָס איז ווי דו — וואונדער,
פאַרקוקט אָן אַ זייט, פון קאָסאָקיקער וועלט,
פאַררוקט אין דער ווייט, אין אַ ווינקל פון וועלט,
אַף דער וועלט, דאָס קליין פינטל — ס'גרויס וואונדער, —
נאָר וואונדער — וואָס איז ווי דו — וואונדער, —
אליין — און ווי גאָט, וואוינט אין הימל באַזונדער,
קען זעהען דיך — וואונדער; —
און ס'איז אַזוי פּשוט — אַזש פּשוט אַ וואונדער...

1930

דאָס געשריי פֿון דער שטילקייט

די שטילקייט, שרייט מיט קולות, ווי אַ גזלן;
זי שרייט און קריכט פֿון ווינקעלאַך, די שטילקייט, —
זי בייסט זיך איין אין מיר, מיט שוואַרצע יאַסלעס,
צעטאַנצט זיך, אין דער קאַרגקייט פֿון לבֿנה...

קריכט־צו צו מיר, אויף אַלע פֿיר — אַ שפּיצל:
באַהויכט מיך, מיט לבֿנה׳ס בלאַסער קילקייט, —
זי זעצט זיך אויף מיין שויס, — אין נאָז אַ קיצל,
אַ פֿליק דאָס לעצטע בלעטל פֿון וואַזאָנע...

צעלאַכט זיך מיט אַ שווישטש — אַזש זי פֿאַרגייט זיך,
און אָט, אַ קוליע און — אַ שפּרונג, אַ הוידע —
אַ שטעל זיך אויפֿן קאָפּ און דרייט זיך, דרייט זיך,
ברעכט אויף, דאַלאַנגט מיר, ס׳טויטע בלומען־צווייגל...

זי לערנט מיר „גראַנד־דאַם רעוועראַנס״ — אַ בוק טאָן,
אַקטיאָריש־פֿאַלש, אין אויער מיר אַ סוד׳ע: —
„נו — שטעלט „דער הערר״ זיך אויפֿן שטול — אַ קוק טאָן,
צום געלן, קראַנקן פֿויגעלע אין שטייגל...״

מיטן פֿויגל׳ס טויטן־פֿלי, פֿון ווייטע רוימען,
זי טוט זיך פֿלינק פֿון מיר אַ דריי אַרויסעט, —
אַ קוק־טאָן — זען: ווי קלוג זי שיינט אין קוימען,
אַ האַרך־טאָן — ווי איר שוויגן „קלינגט״ אין שפּיגל...

דורכן שפּיגל — איבער שפּיגלדיקע ימ'ען —
אַ שווים אַריבער און אַ כאַפּ — דעם דרויסן,
דעם וואַלד, דאָס שטעטל, אונדזער שטוב, די מאַמען, —
אַ טרייסל אויס, ווי יאַגדעס פון אַ קריגל...

קריכט שטיל אַרײַן „אין שטוב" דעם קאָפּ געבויגן,
און האָרכט זיך צו, ווי שווער עס אָטעמט, גוסס'ט,
מיט הייזעריקן סקאַרלאַטין געזויגן,
מײַן שוועסטערל, — דאָס „מלאכ'ל" אין וויגל...

אַ קוש דאָס קינד, — פאַרשטעקט זי זיך אין קישן...
און — קריכט פון דאָרט — אַ שאָטן — אויסגעצויגן...
זי טוט אַ לאָך מיט טויט, אַף די קלאַווישן —
און שפּילט דעם קאַלטן טויט, אַרײַן אין פּיאַנע...

אַ שפּרונג פון פּיאַנע — נעמט זי — „גאַרנישט" — זעגן...
קריכט צו צום קראַן און — נעמט אים מעלקן, זויגן: —
טריפּ־טראָפּ — טריפּ־טראָפּ... פּאַר קראַנקע קינדער'ס וועגן,
אַ שריי אַרײַן דעם שרעק פון טויט אין וואַנע...

און דורך די קראַנען — שטאָלץ מיט הויכע טיטלען,
פון ווייטע, ווייטע וועלטן, שנעל — זיי שפּאַנען.
זיי קומען אָן מיט שפּיציק־הויכע היטלען,
באַקרוינט מיט אויגנגלאָצעדיקע סאָוועס...

מיליאָנען רייטער, טריפ־טראָפ.... טראָפ־טראָפ... רייטן, —
זיין רייטן, רייטן: טראָפ־טראָפ... דורך די קראַנען,
פון וואו, פון וואנען? צו די אייביקייטן, —
געשמידט מיט זונקלאַנג־גאָלדענע פּאָדקאָוועס...

זיי גאַלאָפּירן — טראָפ־טריפּ... — גאַלאָפּירן,
מיט שטאָלץ, פון וועלט־אומרעכט און — שווערדן, ספּאָרן,
מיט טויזנט פויקן — פויקן זיי, מאַרשירן,
אף מיין געצונד'נעם מאַרך — מיט שאָף און רינדער...

די שטילקייט, זיצט און ציילט — ס'זאָל האַרמאָנירן —
צום לויה־מאַרש, — פון אלדי שוואַרצע יאָרן, —
ציילט אוים, מיליאָנען וועלט־מכות, געשווירן,
פאַר קראַנקע פויגעלאַך, פאַר קראַנקע קינדער...

שווײַגן

1

זי, שוויגט... איך— שוויג... זי שווייגט באַם פענצטער... איך— באַם טיש..
ווי ווייסע טויבן, שטיל־שטיל־שטיל דערוואָרגענע...
און סודות גיפטיקע — זיי שרייען שטיל, ווי שלאַנגען־בים;
זיי צאַפּלען זיך און שלענגלען זיך, קאָנוואולסיווע,
פון שפּאָרונעס, פון ווינקעלאַך, פאַרבאָרגענע...

זי קריכט... זי קריכט... שטיל, לאַנגזאַם און אומזעעדיק,
די שטילקייט, פון דער סטעליע אַף די ווענט אַרום...
זי זעצט זיך בהרחבה־ברייטלאַך, אַפן טיש אַרויף,
שטעלט צו אַן אויער, צום — זשום־זשום־זשום־זשום — פון גאַז־ברענער,
און נעמט אונדז, מיט ניט־זעעדיקע הענט אַרום...

זי גלעט אונדז... גלעט אונדז... פּלוצלונג — האָפּ, אַ וואָרף אַף אונדז!
און שטיל — מיר צאַפּלען זיך אין איר, פאַרשלונגענע...
מיר ווערגן זיך... מיר ווילן עפּעס זאָגן זיך... —
נאָר, ס׳לאָזט די שווייגעדיקע חיה, אונדז ניט אָפּ פון זיך...
אָט־אָט — און אונדזערע הערצער, ווערן באַלד צעשפּרונגענע...

2

די שטילקייט, דריקט אַף אונדז — אַ דיקע, —
כאַטש נעם און שנייד זי מיט אַ מעסער!...
וואָלט אויסברעכן אין הויז אַ פייער —
און — וואָלטן קומען פייער־לעשער!

וואָלט זיך אין גאַס, אַ פערד צעטראָגן!
וואָלט זיך פון גאַס, אַ גוואַלד דערהערן...
וואָלט ווער אַף אונדז רחמנות האָבן, —
אין שויב, וואַרפן — אַ שטיין אַ שווערן!...

וואָלט גאָט, אין ווינטער־נאַכט, אַ נס טאָן —
און אָנהויבן מיט דונערס קנאַלן!
זי, האָט פאַר דונערס אַזוי מורא, —
וואָלט זי, פאַר שרעק, צו מיר — צו־פאַלן.

וואָלט איך, איר, צעטרלאַך־ליב אומאַרמען,
וואָלט זי, ווי אַ קינד, צו מיר זיך טוליען...
וואָלט איך, פאַר שמחה, זיך צעוואַרמען, —
כ'וואָלט זיך, ווי אַ אינגל — נעמען קוליען...

1916

איך וועל אַוועק אין גיוועץ

אַזאַ מין שײנער, קלוגער בחור —
און — כ׳וועל אַוועק אין גיוועץ ערגיץ.
און אַלץ דערפֿאַר נאָר — ווײַל, איך קען ניט,
זיך אונטערנעמען — זײַן אַ שײגעץ...

ס׳איז מער ניט, כ׳האָב אַף זיך רחמנות, —
געדאַרפֿט זיך — אויסכוואַסטשען — כּדבעי!
אַז איך זאָל האָבן צו געדענקען!
אַז מיך, זאָל טאָן אַף זיך הנאה! — :

איר קאָפּ — איז גינגאָלד, פֿײַן געריגנגלט,
האָט גאָלד־פֿאַרפּירעריש געבעטן,
איך זאָל אין האַרץ נעמען דעם גינגאָלד —
וואָס קען זיך מיט דער זון פֿאַרוועטן...

איר הערשן־בליק, פֿלעגט מאַניען, פֿרעגן: —
פֿאַרוואָס איך וואַרט מיטן — „עפּעס זאָגן”, —
נאָר איך, דער שעמעוודיקער שוטה, —
דעם „סוד” אין האַרצן שטיל געטראָגן! — — — —

איצט זיצט דאָ — „איך" — ווי „איינער"
צו מיר אַליין עפּעס אַ פרעמדער,
וואָס עסט דאָ יעדן טאָג דריי מאָלצייט —
און יעדע וואָך — „ער" בייט די העמדער...

אַזאַ מין לײמענער שטיק גולם!
זיצט, — ווי אַ לעקשדיקער חתן: —
מיט אָנגעבלאָזענע צוויי „לעפצן"
און — מיט אַ שלעסעלע פאַרשלאָסן...

און טראַכט: „איר הערשן־בליק פלעגט פרעגן,
פאַרוואָס איך וואָרט מיטן „עפּעס זאָגן"...
און איך — דער שעמעוודיקער שוטה —
דעם „סוד" אין האַרצן שטיל געטראָגן! — — — —

אַזאַ מין שטות'עריי באַגאַנגען! —
איך פּיל, ווי כאַפּן זיך באַם אויער,
אַרויסוואַרפן אין קאַלטן רעגן,
און — צושליסן פון זיך דעם טויער!...

1917

אין צענטראַל פּאַרק פון ניו־יאָרק

ס'אַזאַ רחמנות אַפן אידן... — זיפצט מיין מיידל, —
און נעמט מיין האַלדז אַרום — באַדויערנדיק — שטאַרק; —
דו ווייסט? ער'ט ניט פאַרקויפט קיין איין און איינציק בייגל,
די גאַנצע צייט, ס'מיר זיצן אין „דיין" „שיינעם" פּאַרק!...

„אַ שיינער פּאַרק", — מאַך איך, — אפילו נישט 1 בייגל?! —
— יאָ! — אַ „שיינער" מענטש ביסטו! — מאַכט זי אין כעס: —
צו ליבע, ביסטו ניט קיין פייגלדיקער פויגל, —
וואָלסט אפשר גאָר דעם אידן העלפן — כ'מיין אָן שפּאַס!

אין דיכטערישן, רייכן, ברייטן „שיינעם" מאַנטל, —
דערצו, דיין „געניאַלער" דיכטערשער טאַלענט,
וואָס זינגסט אַריין צופּיל — אַזש, גאָרנישט בלייבט דעם האַנדל —
וואָלסט ווערן כאָטש אַלס „בייגל־הענדלער" אָנערקענט...

זי נעמט דעם קויש און — גאַרטלט מיר צום גאַרטל אונטער,
און — כ'שפּיל: — אַלס „בייגל־הענדלער", האַלב־„אַקטיאָר, האַלב־„פּראַנט",
און — מענטשן קלייבן זיך אַרום — צום בייזן וואונדער —
פאַרנויג איך זיך צום „ווערטן פּובליקום" — גאַלאַנט: —

„... איר „גאָבילע" הערן! ער'לע דאַמען! זייט זשע ווייסן,
אַז איך — פּאָעט־לאָריעט פון קניקערבאָקער'ס הויף —
מוז היינט, מיין לידער־ און מיין בייגל־קראָם פאַרשליסן! —
און — כ'מאַך מיין וועלט־באַרימטן בייגל־אויספאַרקויף...

עס קאַסט מיליאָנען, אין די בלעטער אנאָנסירן!
און בלויז די לעכער, זיינען ווערט א וועלט מיט געלט!
פאַר מיינע לידער צאָלן די בלעטער — מיר געשווירן, —
ווייל פון די לעכער שרייט דער דלות פון דער וועלט!...

איר עדעלע הערן! עדעלע דאַמען! „בייגלס"! בייגל!
געזאַלצענע — טרערן־בייגל! פרישע — פון פאַריז. — — —
צעפליען זיך אין מויל! אַף אייער, פון „גן־עדן־פייגל"!
נאַט זעט, די פלאַמבע: — „אימפּאָרטע דע פּאַראַדיז!"

——::——

אַט — שטעלט זיך אַפּ א „נאָב'לער" מאַן (לויט שטאָלץ און קליידונג), —
באַטראַכט מיך דורך מאָנאָקל: „פאַלש איז דיין „סטאַטמענט",
און לויט דיין „אויפפירונג", געפינט מען זיך באַליידיקט...
א פייף — און „ענטפערט־איבער" מיך, אינם שוצאיס הענט...

אין פּאָליציי האָט'ן געפרעגט: צי כ'בין — משוגע?
און — צי געפעלט מיר זיין פארשפּארט, אין — משוגעים־הויז?
מאַך איך: — א דאַנק פאַר קעסט, — אז איר זיינט יאָ די קלוגע? —
איז אייער וועלט — ס'משוגעים־הויז, — גענוג נאָך גרויס. — — —

1918

די שניי-בלום

זאָג, ווער ביסטו, ריינע שניי־בלום, —
דו, גרין־אויגיק, שטיל, קליין מיידל, —
וואָס דו בליסט דאָ, אַף מיין געסל,
אַף דעם פריש־געפאַלענעם שניי? —

זאָג, וואָס לויכטן דיינע אויגן,
ווי אין ווינטער־נאַכט די שטערן? —
דורשטן זיי עם נאָך מיין יונגשאָפט? —
זאָג, נאָך וועמען בענקען זיי? —

זאָג, וואָס סוד׳ען דיינע לאָקן,
אַף דיין קלוגן, ווייסן שטערן, —
ווי באַם וואַלד, דער שווארצער הימל
פון דער ווייט, אַף ווייסן שניי?

און די שנייעלאַך וואָס שוועבן,
ווי די שמעטערלינגען שטיפריש,
און אַנטרינען אין דיין אויער, —
זאָג מיר, וואָס פאַרטרויען זיי? —

פון מיין בלוט, וואָס פאַרבט דעם שניי־וועג,
וועלכער פירט מיך צו דיין הארצן, —
לידער מיינע, רויטע בלומען
אַפן שניי — פאַרטרויען זיי? — — — —

1907

באַם שפּיגל

(נאָך הייגע)

אָך, דיכטער־קעניג! דיכטער־קעניג!
וואָס פאַר א גרויסער אָקס ביסטו! —
געמאַכט האָסו דיך אונטערטעניק,
צו — — — — — — א — — — — — קו! — — — —

ווי גרוים ביסטו! און קעניגליך!
און — וואָס פאַר אַ גרויסער אָקס ביסטו! —
אז פאַרליבן האָסטו דיך —
אין — — — — — א — — — — קו! — — — —

1908

עלנדע

כ'האָב הײַנט באַגעגנט װידער זי.
די ליפּן בלאָ, דאָס פּנים בלאַס...
זי איז אַרײַן דאָ אין אַפּטײק,
װאַרט איך אין װינט, דאָ אויף דער גאַס...

„װאָס נעמט עס דאַרטן אַזוי לאַנג?!"
איך שטײ און פרייר דאָ, װי אַ הונט...
אַ דאַמע איז אַרויס; איך טראַכט:
„ס'אַ ראָזע באַקן!... פריש... געזונט!"....

„װאָלט ניט געװען אַמאָל אַ פּלאַן,
צו לאָזן יענע, — נעמען די?" — — — —
איך שמײכל ליב.. זי, — שמײכלט אויך!...
נו — נעם איך צאַרט אין אָרעם זי...

צעלאַכט זי זיך מיט ליפּן רויט:
„כאַ־כאַ, כאַ־כאַ!... ס'ט מיך ניט דערקענט?"
„איאָ? איאָ? כ'בין טאַקע שײן?..."
„דאָס קאָסט בלויז פינף־און־צװאַנציק סענט!..."

איך — קוק אויף איר.... זי — קוקט אויף מיר...
ביז — כ'טו אַ צי דעם האַלדז: „אַ־ה־האַ!?!"...
„ס'אַ מאָדנע זאַך... כ'װאָלט ניט געגלויבט",
„אַז דאָס ביסט טאַקע גופא — — — — דו?!" — — — —

כ'האָב הײַנט באַגעגנט װידער זי,
די ליפּן בלאָ ,דאָס פּנים בלאַס....
זי איז אַרײַן דאָ אין אַפּטײק, —
װאַרט איך אין װינט דאָ אויף דער גאַס...

מיין געליבטע? יאָ — מיין געליבטע!

פאַרטראַכט זי זיך.. און, קוקט דורך מיר — ווי דורך אַ גלאָז...
און טוט אַ זאָג צו מיר, מיט חן־געריבלאַך, אין ערנסט:
— דו ווייסט פאַרוואָס ס'איז אַזוי שטאַרק צו דיר מיין ליבע? —
פאַרוואָס? — מאַך איך. — — אַזוי פיל יאָר — מאַכט זי — און לערנסט,
און דאָך, ביסטו אַ דורכפאַל: — סיגליקט דיר ניט אין ליבע! —
דערפאַר — מאַכט זי — איז אַזוי שטאַרק צו דיר מיין ליבע...
זי טוט אַ טאַפּ מיין שטערן: — ווי! דו האָסט דאָך פיבער!(?) —
נאָר, ס'פיבער פּאַסט דיר — אַזש ס'צעבליט זיך ראָז דיין נאָז... —

וואָס לאַכסטו? — טוט זי מיר אַ קוש — איך מיין עס ערנסט: —
גוואַלד — ווי איז עס אַ מענטש, אַזוי „פאַרכליאַבעט"? — „שמיבע"..
אוי, ווי, האָב איך דיר פיינט! שלים־מזל! — לערנסט, לערנסט —
און, קענסט אַפילו ניט דערקלערן זיך אין ליבע! —
ווייל — שיינקסט אוועק דיין גאַנצן קונסט־טאַלענט — די ליבע,
און ס'בלייבט דיר קיין טאַלענט ניט, צו דערקלערן זיך אין ליבע!

פאַרטראַכט זי זיך... און קוקט דורך מיר — ווי דורך אַ גלאָז: —
ער לאַכט! — ווי איז מען עס אַזוי אַלט־פרייִנקיש — ערנסט?
און — ווי די ליבע, פּונקט אַזוי מיט דיינע לידער; —
ס'צאַך צוגעטשעפּעט צו דער וועלט און — „מענטשלסט", לערנסט, —
דיין גאַנצן בלוט־טאַלענט, גיסטו אַוועק — די לידער,
און — שטופּן דעם טאַלענט — בלייבט קיין טאַלענט ניט איבער. —
און — וויפיל יובילייאומס, שפּרינגען דיר אַריבער!
עס כאַפּן אַנדערע זיי צו... — אַזאַ פאַרדראָס!...

פאַרקלערט זי זיך.. מיט חן־געריבלאַך — פאַרטראַכט אין ערנסט: —
דו ווייסט, פאַרוואָס ס'איז אַזוי שטאַרק צו דיר, מיין ליבע? —
— פאַרוואָס?—מאַך איך— —אַזוי פיל יאָר — מאַכט זי — און לערנסט—
און ביסט אַ דורכפאַל — מיט די לידער און די ליבע... —
מיין גאָט! — פאַרשליסט איר קוש מיין מויל — ווי שטאַרק איז ליבע!
זאָג, — אפשר קענסטו מיר דערקלערן: — וואָס איז ליבע? — — — —

צו דער אייביקייט — זון־גאָלד

זאָג, פּאַפּאַ — וואו כוואַליען זיך ריטמיש די אָוונט־געזאַנגען? —
— קינד מיינס — פון איינעם צום אַנדערן, זינג־זונג־געזונגען. —
דאָס בענקשאַפט־פּאַרלאַנג, פון געזאַנג צו געזאַנג...
צו דער אייביקייט־זונגאָלד, פון אויפגאַנג־פאַרגאַנג...

זאָג, פּאַפּאַ — וואו כוואַליען זיך ריטמיש די פעלדער פון זאַנגען? —
— קינד מיינס — פון איינעם צום אַנדערן, שווינג־שוואונג־געשוואונגען,—
דאָס בענקשאַפט־געזאַנג, פון דעם זאַנג צו דעם זאַנג;
צו דער אייביקייט־זונגאָלד, פון אויפגאַנג־פאַרגאַנג...

זאָג, פּאַפּאַ — וואו כוואַליען זיך ריטמיש די כוואַליעס פון ים'ען? —
— קינד מיינס — פון איינעם צום אַנדערן, שלינג־שלונג־פאַרשלונגען;
טיפער ים'ען־געדאַנק פון פאַרלאַנג צו געפאַנג, —
צו דער אייביקייט־זונגאָלד, פון אויפגאַנג־פאַרגאַנג...

זאָג, פּאַפּאַ — וואו כוואַליעט זיך מענטשן־ים, ריטמיש באַם ים־ברעג? —
— קינד מיינס — פון איינעם, דעם אַנדערנס האַרץ־ים באַטרונקען, —
דאָס בענקשאַפט־געטראַנק פון פאַרלאַנג צו פאַרלאַנג,
צו דער אייביקייט־זונגאָלד, פון אויפגאַנג־פאַרגאַנג...

דאָס אייביקע לייב־און־זעל־ליד פון דעם „ליד פון די לידער",
פון ים'ען — צו פעלדער און וועלדער, פון גלידער — צו גלידער...
דאָס געזאַנג פון געדאַנק, דורך געטראַנק — צו פאַרלאַנג —
צו דער אייביקייט־זונגאָלד, פון אויפגאַנג־פאַרגאַנג...

טרער־געלעכטער־געפלעכטער פון קערפער, דערבאַרעמט אָן קערפער: —
זינגט זאַנגען־געזאַנג, דורכן שניטער, געאָרעמט פון סערפּעם;
טרינקט דאָס לעבן דורך טויט דאָס געזאַנגען־געטראַנק,
צו דער אייביקייט־זונגאָלד, פון אויפגאַנג־פאַרגאַנג...

1932

V

ים — פון אונדזער גאָל און פלוך

וואו עס ברויזן ים'ען ווילדע;
וואו עס זילבערן זיך קוואַלן;
וואו עס פליסן טײַכלאַך מילדע:
וואו עס גילדערן זיך שטראַלן; —
ערגעץ! — ערגעץ אויף דער אַלטער,
אייביק יונגער, זון־באַשטראַלטער וועלט; —
איז פאַראַן אַ מילך־און־האָניק־גאָלדן לאַנד.
איז געוועגדט דער וועלט־בליק, צו איר גאָלד'נעם ראַנד...
האָט דאָס גאָלדן האָניק־לאַנד אַ גאָלד'נע שטאָט, —
דינט מען דאָרטן, צו אַ האַרטן, גאָלד'נעם גאָט;
האָט דער גאָלד'נער גאָט, אַ זילבער־ווײַסעם הויז, —
שטאַרצט די גאַנצע וועלט, צום הויז, די אויגן אויס. — — —

זיצט אינם זילבער־הויז, אַ זילבער־גראָער פּריסט,
און פון זײַנע פּעטע, פרומע ליפּן — פליסט, —
מילך און־האָניק־ווערטער, צו דעם גאָלד'נעם געץ:
„... יושר... יושר... פרײַהייט... גלײַכהייט... און גע... — זעץ!...”
„ס'מוז די וועלט, מיט יושר גיין! — מיט אָרדנונג — טאָלק!
פרײַהייט, גלײַכהייט און געזעץ — פאַר יעדן פאָלק!” — — —

קומט־זשע, גאָלדנע בירגער, פון מײַן גאָלדן לאַנד!
ציט אײַך אָן אין שווערד און שפּיז, — אין גאָלדיקן געוואַנט!...
שניידט מיט גאָלדנע שיפן, דורך דעם גאָלדנעם ים...
פרײַהייט, — געבן יעדן פאָלק און יעדן שטאַם.
און מיט אונדזער שווערד, פון אונדזער גאָלדנעם לאַנד, —
מיט מונדירן, פון דעם גאָלדיקן געוואַנט —
באַצירן, און באַוואָפענען דאָרט יעדן פאָלק! —
ווײַל די וועלט, מוז גיין מיט יושר און מיט טאָלק! — — —

——::——

... געקלאַנג... געבראַזג... טראַך־טאַך!... טאַך־טאַך!...
בים־בים!... בום־בום!... געפּעכט פון שווערד...
געהירזש... געברום... דום־דום... דום־דום!...
געפלעכט פון מענטשן און פון פערד. — — —

——::——

געענדיקט איז דער טויטן־טאַנץ —
די בלוטיק־רויטע שפּיל אין קריג!
און שקלאַפן־פעלקער, נעכטן — קליין,
זיין יובלען היינט, דעם „גרויסקייט־זיג"...

הוראַ! הוראַ!... לאָזט דורך! לאָזט דורך!...
די גרויסע קעפּ אין די צעלענדער!!! —
... נאַ דיר — אַ טייך! און אונדז — אַ ים!
נאַט אייך — אַ שטאַט! און מיר — צוועלף לענדער. — — — —

און אַלע אויגן, אויסגעשטאַרצט,
צום אויבן־אָן, פון גרינעם טיש, —
וואו ס'זיצט דער „קאָפּ" פון גאָלדן לאַנד, —
דער זילבער־ווייסער אַלטער פּריסט...

——::——

... עפּידעמיעס, הונגער, דלות: —
„רעוואָלוציע... רעווע... — ס׳ברענט!" —
גאָלד־געץ — שמעלצט זיך, ציטערט: „פייער!" —
„פּוילן — אַ מדינה!!!" „אָנערקענט!" — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

... זייער — שמחה... אונדזער — קלאָג!
זייער — פרייהייט... אונדזער — פּלאָג!
„פרייהייט"... „גלייכהייט"... „יושר". — יושר!
אונדזער גרויסער־ גרויסער אומגליק!
אונדזער טיפער, טיפער בראָך!...

יעדע שעה פון יעדן טאָג!
און יעדן טאָג פון יעדער וואָך...
דאָס שעכטן, נעמט גאָר ניט קיין סוף! —
... און — נאָך — און — נאָך — און — נאָך — און — נאָך: —
דער געץ, האָט אויף דער גאָטהייט,
אויסגעגאָסן נאָר זיין שטראָף! — — —
— — — „יושר"? — „פרייהייט"? — „גלייכהייט"? — „רעכט?" —
— חדשים, וואָכן, טעג־און־נעכט,
מען שעכט אונדז און מען שעכט און שעכט!...
„זיסע", „פרומע", מילך־ און האָניק־ווערטער,
פון די ליפּצן „פרומע", —
פון דעם גראָען קינדער־מערדער...

רינט איר! ים, פון אונדזער בלוט און טרערן!
חוזק־וויַיראַך, צו דעם גאָלדנעם געץ!
פאַלש נאָכגעקרימט דעם איד, דעם יעזוס־נאַר — דעם גאָט,
וואָס שלעפּט זיך אייביק מיטן קרייץ —
אויף אייביק, זיין פון אייך געקרייציקט!
יאָ — איר האָט בלוטיק ליב, געקרייציקטן!
איר טראָגט אים אויפן הארצן, בעת איר קרייציקט!
קרייציקן — איז אייער גאָט.
צו טויטן — אייער לעבן...

ס'אַ טעאַטער! מע דערוואַרעמט זיך דאָס בלוט — מיט בלוט.
בלוט — פאַר'שיכור'ט מער ווי ווײַן...
אין שיכרות. פּלאַפּלט זיך מיט ווערטער! —
ווערטער, פאַלשער ים, פון ווערטער! —
עס צאַפּלען זיך, עס טרינקען זיך אין אייער אָפּגרונט,
די זין און טעכטער פון דעם פאָלק פון די נביאים — און דעם יעזוס־נאַר!
און מיט דער לעמער־מילדקייט, אין די פייכטע יעזוס־אויגן,
וואו עס שפּיגלט זיך דער חלף, פון דעם וועלט־פּיין, —
בעטלען זיי באַם „שוחט" — מיטן כשר־צלם אַפן האַרצן בעת'ן שעכטן, —
ער זאָל שענקען, אַ מתנה — דאָס געפּייניקט זיסע לעבן —
זייער יעזוס־גורל, — אויסצולייזן מענטש, פון וואָלף —
בעטלען זיי באַם וואָלף, אין מענטש! — — —

———::———

פון מילך און האָניק, גאָלדן לאַנד, —
די שאַרפע שווערד געשיקט!
מיט גאָלד, פון גאָלדן לאַנד, —
געשטאַרקט די מעדרער־האַנט! —
זי שטיקט און דריקט,
זי שנײַדט און האַקט און שפּאַלט,
ווי האָלץ, מיט העק
די בײַכער, פון די פרויען,
און פון אַלטע לײַט — די קעפּ!...

וויי־וויי! וויי־וויי! —
אַ — וויי צו אונדז, וואָס ניצן נאָר די ציין צום קריצן!
צי זיינען מיר, עס די קרבנות, פון דעם פּריסט, —
אין ווייסן הויז, פון גאָלדן לאַנד, —
געשאָכטן צו זיין גאָלדענעם געץ? —
וויי, וויי, וויי, וויי צו אונדז! —
צי זיינען אָט די אַלע לענדער — טיער־גאָרטנס?
די פעלקער — חיות אין די שטייגן?
און מיר? — דאָס פליייש? —
געוואָרפן פון די דינער — פון דעם פּריסט, —
צום דינסט, פון גאָלדן לאַנד, —
וואָס דינט צום גאָלדענעם געץ? —
פאַר שפּייז, פון אָט די חיות? — — — —

——::——

האַ־האַ! ! אַ פייַנער טאָג! און, ניט אומזיסט! —
די זון האָט זיך צעשטראַלט אַף בלוט און מיסט...

אַ־האַ! די „חיה" פילט זיך, גאָט צו דאַנקען, גוט,
מיט אונדזער פּראַצע, אָנגעפּרעסן בייַכיק־זאַט, —
איז אָנגעטרונקען, ביז צום פּלאַצן, פול מיט אונדזער בלוט,
זייַן האַלדז און פּנים, ווי אַ וואַנץ איז רויט און גלאַט, —
איז גאָט צו דאַנקען! גאָט צו דאַנקען נאָך! —
ווייל היינט — איז, בלויז צום צייט־פאַרטרייב —
ער שמייסט אונדז, כוואַטשעט אונדז, נאָר מיט זייַן רוט,
אַף אונדזער מאָגער הויט־און־ביינער־לייב ביז בלוט...

עס הענגט די שווערד פון טויט, די שווערד פון שרעק
אַריבער אונדזער קאָפּ: —
„... דער קוילער, — גייט..."
„... דער שעכטער, — קומט..."
„... דער מערדער, — רופט..."
„... די חיה, — ברומט..."

דער שונא, טרייבט אונדז צו עבודת־פּרך, —
און ער קוועלט גאָר אָן:
... ווי ס'קאָרטשען זיך, ווי ס'ציטערן, די קערפּערס אונדזערע...
צעשניטענע פון בייטש...
און יעדער שאָרשק, פון בלאַט, אַף בוים,
מאַכט צוקן — אונדזער לייב: —
אָט־אָט... עס פאַלט אַף אונדז די בייטש. — — —

כאַ־כאַ!... כי־כי!... כאַ־כאַ! —
דער שענסטער צייט־פאַרטייב פון שונא'ס טאָג, —
דער שונא... — לאַכט... — דער שונא — קוועלט...
די זון לאַכט־מיט, די זון אין מיטן הימל אויסגעשטעלט...
און מיר? — אַ, וועלט, דו וועלט! —
וואָס איז אונדז דען דער אונטערשייד —

עס רעגנט, צי עס שיינט די זון!
פאַר אונדז — די טויטע לעבעדיקערהייט, —
ווי שטיין — מיר זיינען גלייכגילטיק דערצו!
דער טויט! צי ס'לעבן — טפו! —
עס עקלט אונדז דערפון! — — —

——::——

דער זומער שוין ניטאָ — — —
ניטאָ שוין אַף די פעלדער, אין די וועלדער,
מער קיין קראַפּיווע — קיין גראָז...
וועט אפשר זיין — דער שניי און אייז —
— אנשטאָט דעם גראָז — איצט אונדזער שפּייז?
אָ, בלוטיק־רויטער, גאַליק־גרינער שפּאַס!...
ווייט, ווייט — אַף יענער זייט פון אונדזער שאַרף־פאַרשפּיצטן בליק,
צעשפּרייט זיך ברייט אַ זון־צעשטראַלטע וועלט... —
פאַר אונדז — פאַרשלאָסן! — עלנדע... —
ארויסגיין, טאָרן מיר ניט אַף דער גאַס...
מיר האָבן דאָ נישט קיינעם — קיינעם — קיינעם...
חוץ — די שונאים...

דער ווינטער קומט... ניטאָ קיין גראָז...
עס וואַקסט אַף אונדז אַליין שוין גראָז!...
ס'איז טרויעריק — יאָ? און דאָך — האַ־האָ! —
ס'איז אויך באַ אונדז, געלעכטער דאָ: —
דערשיסט דער מערדער, אונדזער איינעם,
כאַ־כאַטשעט ער, הויך, בלוט־דורשטיק: —
„דערשאָסן אָט אַ האָז — כאַ־כאַ!... כאַ־כאַ!"...

דער ווינטער קומט, דער זומער שוין ניטאָ...
נו — ליגן מיר, אָן וואַסער און אָן ברויט, —
אַ טויזנט יאָר, איז יעדע שוואַרצע שעה, —
דערוואַרטנדיק, ביז — ס׳ברענגט דער „גוטער" מערדער,
אונדז דעם אויסלייזער — דעם טויט!...

אין שטאַלן און אין קעלערס ליגן מיר באַהאַלטן,
דערוואַרטנדיק דעם פיינט...
מיר טוליען זיך, ווי שאָף, פּאָר וועמעס אויגן ס׳בלאַנקט דער חלף, —
פּאָר וועמעס אויגן, אָט — די האַק לאָזט זיך אַראָפּ — דער שוואַרצער סוף!

איין שוואַרצער פלעק — איז אונדזער וואָך, פון אייביקייטן — טעג...
און דאַך — ווי שנעל, דורך לאָדן־שפּאַלט, רינט אוים די צייט...
אין יעדן טאָג, לאָזט זיך אַרוים אַף אונדז, די חיה, אַף געיעג.
אָט... אָט מיר הערן — זיי... — אַף יענער זייט...
אָט... אָט... מיר זעען — דורך די לאָדן־שפּאַלטן — זיי געגענען... געגענען...
אָט, סאָפּען זיי — מיט שווערדן אַף די גאָלדיקע מונדירן, —
זיי רייסן זיך אַריין, דורך פענצטער, טויערן און טירן...

די זון פאַרגייט...
זיי טרייבן אונדזערע צום מאַרק־פּלאַץ.
און באַם פאַרגיין, די זון — זי גייט אונדז נאָך,
באַלייט אונדז יום־טוב׳דיק — אַדורך דעם ברייטן וועג, —
דעם וועג פון טויט...
די זון פאַרגייט, און מיר — פאַרגייען מיט דער זון —
מיר ברענען מיטן זון־פאַרגאַנג...
מיר שרייען, רעווען, ווי אַ ברענענדיקער צירק פון חיות...

עס קומט ארויס דער אדיוטאַנט,
ווייזט אָן, אַף אונדז, דער לייטענאַנט...
„שיסט!!" — קאָמאַנדעוועט דער קאָמענדאַנט...
מען שטעלט אונדז אויס צו דער מיט בלוט באַשפריצטער וואַנט:
— — — טראַך!!! טראַך!!! טראַך!!! — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַט פירט מען „אונדזערע" — אַ וואָגן מיט הרוגים...
אויסגעשאָכטענע — אַ וואָגן מענטשן-פלייש...
ווי קעלבער, שעפּסן... אַ וואָגן פריש-געשאָכטענע...
הויך-הויך — אָנגעוואָרפן — הויך!...
און מיט אַ שטריק פאַרצויגן...
און עס וואַרפן זיך די קעפּ — פאַרבלוטיקטע...
מיט אויסגעשטאַרצטע אויגן, צו דער וועלט...
מיט פויסטן אויפגעשטשעמעטע. — — —
דער וואָגן לויפט — — — די הרוגים, פאַכן אין דער לופטן, —
אין דער לופטן, מיט די פויסטן, צו דער בלוט-באַפלעקטער וועלט!...
עס לויפן נאָך, געיאָגטע הינט און — לאַקטשען הונגעריק דאָס בלוט...
און מוטערס, שוועסטער, זין און כלות — לויפן נאָך דעם וואָגן...
בייסן, רייסן, מיט די נעגל, ציין — די רעדער...
און זיי שפּאַלטן אויף די הימלען —
און עס ציטערט אויף די וועלט, פון זייער רעווען...
אין דער קאַלטער לופט אריין — אין אומעטום,
מיט משוגעת און קאָנוואולסיע...

און מ'קען ניט וויסן, — ווער איז קלאָר און ווער — משוגע,
צי זיי — פון נעכטן קלאָרע, קלוגע?
צי ער — דער שטאָט-משוגע'נער,
וואָס ס'קלינגט אין גאַס און וואַלד אָפּ זיין געשריי: —
„... מיין נאָמען איז — יאָסל שמולקע!
די וועלט איז — אַף מאָרגן מיט אָן איי!
און מיר, און איר, איז — ווינד און וויי!
איך וויל חתונה-האָבן! ציגן-מילך, מיט בולקע!" — — —

זיי לויפֿן אום, פֿון זין געווירטע, שרייען אין די וועלדער,
זיי לויפֿן אַלע ברענעדיקע אום, און שרייען אין די גאַסן: —
„... יושר! יושר! בלוטיק־רויטער ים!
ים פֿון אונדזער בלוט! —
יושר, יושר, פֿון דעם גאָלדנעם לאַנד,
ים — פֿון אונדזער גאַל און פֿלוך;
טיפֿער ים פֿון וועלט און לענדער׳ס שאַנד! —
יושר! — גיפֿטיק־פֿאַלשער, שלאַנגען־שפּרוך...
געשטאַרקט פֿון אָט דער יושר־ליד —
שניידט אונדז און שעכט, די האַנט פֿון שעכטער, —
און דער שעכטער ווערט ניט מיד...״

זיי לויפֿן אום אין גאַסן און זיי קייכן פּאַר געלעכטער,
די „לאַך־מגיפֿה״ האָט זיי אָנגעכאַפּט און — לאָזט ניט אָפּ פֿון זיך!
זיי לויפֿן אום, ווי משוגעים, און — זיי פּלאַצן פֿאַר געלעכטער: —
„... מיר האַלטן אויסגעשפּרייט די דאַרע הענט,
צום זילבער־גראָען פּריסט פֿון גאָלדן לאַנד,
נאָר — האַרט און קאַלט, ווי ס׳גאָלד פֿון גאָלדן געץ,
שניידט אונדז זיין גאָלדן־קאַלטע האַרץ,
וואָס איז פֿאַרגאָסן, מיטן האָניק־פּעטס...

ווער זאָל זיך אָננעמען פאַר אונדז?
דו האָסט אונדז אויסגעגאָרט די שטאַרקסטע זין,
אַף דעם מזבח פון דיין געץ! —
מיט פאַלשע יושר־ווערטער!
מיר — די אָפּגענאַרטע, מאַנען, —
אונדזערן — מיט בלוט באַצאָלטן יושר!
מיר בלאָנקען אום, געטריבן פון דיין יושר־בייטש!
מיט קינדער אין די וועלדער! —
שפּייז פאַר וועלף...
העלף!" — — — —

„... מיר — אָפּגענאַרטע עלנדע — מיר בעטן הילף בא וועלף!
מיר בעטן הילף — באַם מלאך־המות!...
פרייהייט, גלייכהייט און געזעץ פאַר יעדן פאָלק!
מיט אָרדענונג און טאָלק. —
און אונדזערע שטיפערישע שמעטערלינגען,
אומשולדיקע עופ׳עלאך, —
זיי הענגען, אַף די גאַס־לאַמטערנס!
אַ לאַמטערנע — און — אַ קינד!
מיט אָרדענונג און טאָלק...
אַ לאַמטערנע און אַ קינד...
מיט יושר און מיט — טאָלק..."

—— :: ——

א נאכט, א ליכטיקע לבנה שיינט אראָפּ.
זיי הענגען לאַכעדיקע, שמייכלדיקע
אין דער ווייסער נאכט אריין —
אין דער שנייאיק־ווייסער נאכט אריין...

... דער גזלן לאכט!
דער מלאך־המות קוועלט!
ער האָט זיך מיט דער יושר־מאַסקע —
זיינע אויגן פון דער וועלט פארשטעלט,
און — לעקט בנעימות זיך די האָניק־לעפצן...

עס קומט דער קוילער, טוט א כאַפּ אַן עופה'לע,
אַן עופה'לע —
און — טוט א הוידע אין דער הויך. —
א קינד —
נו — מיינט עס, ס'איז אַן „אָנקל" דאָ, צוגאַסט געקומען —
פון א וויטן, גאָלדן לאַנד.
מיט גאָלדענע קנעפּ אין זיין מונדיר...
דאָס שפּילט זיך „אָנקעלע" מיט אים...
דאָס הויבט אים אָנקל אונטער צו דער ליכט...
און ס'בליט א שמייכעלע —
א טרערן־שמייכעלע אף שלמה'לעס געזיכט — — — —
א קינד —
נו — האָט עס פייער ליב!
און ס'פלאַפּלט, ציט זיך מיט די הענטעלאך,
צום פייער:
... זשוזשע... זשוזשע... גיב... גיב... גיב... — — — —

זיי הענגען לאַכעדיקע אין דער ווייסער גאַס — — —
זיי הענגען שמייכלדיקע אין דער ווייסער נאַכט — —
ווי צאַפּלדיקע טייבעלאַך
מיט אויגעלאַך און צינגעלאַך ארויסגעשטעלט
דער בלוט־באַפלעקטער וועלט. — — —

שטיל... שטיל...
א קאַלטער, פייכטער ווינט, נעמט דורך די וועלט, —
לויפט אום מיט משוגעים אויף די פעלדער, אויף די וועגן, א משוגע׳נער,
וועלט־איין, וועלט־אוים, וועלט־אוים, וועלט־איין — — —
שא... שטיל...
א שלוכצען פון א מאַמען —
רייסט זיך וואו פון ערגעץ אין דער נאַכט אריין...
א שלוכצען אויסגעמישט מיט א משוגע׳נעם געלעכטער —
טרייסלען אויף די וועלט! — — —
עס ציטערן די הימלען,
און דאָס וועלט־האַרץ
קאַרטשעט זיך פאַר פּחד, פונם יאָמער. — — —

נאַכט...
עס לויפט אריין א שיכור׳ער — פון בלוט — דער קינדער־מערדער.
זיין בלוט איז נאָך מיט קינדער־בלוט ניט איינגעשטילט.
זיין מערדער־האַנט האַלט גלייך די רער
פון בלאַנקען רעוואָלווער —
צום מילדן, פייכטן אויגעלע געצילט...
עס לאַכט דאָס קינד — — — עס שפּילט — — —
עס כאַפּט מיט קליינע ווייסע הענטעלאַך
דעם בלאַנקען רער — — —

און שמייכלט, פלאפלט קינדיש זיס... — — —
סע מיינט, אז „אנקל" האט א שפּילכעלע געבראכט, —
ס'פּאטשט „קיכעלאך" און לאכט...
קליין משה'לע, אָה, „מיר זאָל זיין פּאר דיר!" — — —
עס האט פארשפּילט זיך מיטן גאָלדענעם קנעפּעלע
פון אָנקעלע'ס מונדיר:
א שפּיגעלע...
אָט זעט ער דאָרט א קעפּעלע...
א שעפּסעלע...
א ווייסע ציגעלע...
אָט זעט ער זיך אליין דאָרטן...
א אינגעלע...
א משה'לע...
ער שטעקט ארויס זיין צינגעלע,
און — טוט א לאך...
— — — — — — — — — — — — — — — — —
טראך!!! — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
א—ך! — — —
דער אָנקל שפּילט זיך מיט דער מאמעשי — — —
קראך! — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
שטיל... — — —
ביידע ראנגלען זיי זיך אפן דיל — — —
זי צאפּלט זיך און רופט:
— מיין משה'לע! — — — מיין משה'לע! — — —
ער צאפּלט מיט די פיסעלאך — — —
אָט רינט א רויטער שנירעלע — — —
ער שלאָפט...
ער שמייכלט נאָך צום „אָנקעלע" פון שלאָף — — —
עס חלומ'ט זיך אים ניסעלאך און ראָזשינקעס

מיט מאַנדלען — — —
עס איז אים אַזוי גוט — — — —
דאָס איז אַ שפּיל אַזאַ...
אַזוי־אַ שפּילט זיך „אַנקעלע" — — —
ס'האָט אַנקעלע געלייגט אים שלאָפינקען... — — — —

כאַ־כאַ!! — שניידט דורך דער מערדער אַ געלעכטער —
ווי דאָס בילנדיק געלעכטער פון אַ היענע,
כראָמסעקנדיק די ביינער פון אַ טויטן,
אין דער שטילער, שנייאונג־ווייסער נאַכט... — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

——::——

נאָך אַ נאַכט קומט אָן אַ טאָג —
און נאָך אַ טאָג קומט אָן אַ לאַנגע נאַכט — — —
אַ נאַכט אַ בלוטיקע, מיט וואָלפן־שטילע טריט,
אויף ווייסן שניי, באַבלומט מיט בלוט און גלידער — — —

נאַכט...
ווי קאַלט און שוואַרץ און עלנד איז די וועלט...
עס קומט צו אונדז ניט קיינער, קיינער...
עס קייקלט זיך אַרום אַהין־און־הער אויף ווייסן שניי —
די וויסטע וועלט...
די בייזע קאַלטקייט,
און די וויסטקייט פון דער וועלט —
קווארטירט זיך איין אין אונדזער הויט און ביינער — — —
בוהו!... בוהו!... — — — — —
מיט וואוט רייסט זיך אַריין אַ בייזער ווינט אין הויז,
דורך פענצטער אויסגעבראָזגעטע,
סטראַשענדיק מיט עפּעס ערגער נאָך פון טויט...
פון ערגעץ וואו אַ מויזן־לאָך — קריכט שטיל אַרויס
אַ מויז,

און הויבט אָן יאָמערן...
א הונגעריקע, חושכ'דיקע מויז —
און הויבט מיט ווּסטקייט אָן צו יאָמערן
דעם יאָמער פון דער חושכ'דיקער וועלט. — — —

איך קאָרטשע זיך אריין אין זיך,
און ליג און ליג און ליג. —
אין זיך אַליין א שטיל־שטיל־שטיל
צונויפגעקאָרטשעטער.
מיליאָנען און מיליאָסן גראָע הרודעס
הויבן אָן, זיך בערגלען... בערגלען... בערגן — — —
ס'וועט באַלד די חורבה־וועלט זיך אויפרייסן,
און מיט א טויזנטער־מיליאָנענדיקן קראַך —
וועט אונדז די וועלט־חורבה דערווערגן! — — —

——::——

איך קאָרטשע זיך אריין אין זיך און ליג
צונויפגעקאָרטשעט; —
פאַר מיינע אויגן וואַקסט ארויס
א ווייטע, גרויסע, הויכע שטאָט —
די שטאָט פון יענעם גאָלדענעם לאַנד,
וואָס אירע הויכע מויערן —
זיי שפּאַרן אונטער מיט די קעפּ די שטאַלענע,
דעם הימל'ס טויערן...
די טויערן, פאַרמאַכט — פאַר אונדזער יאָמער...
און יעדער מויער דאָרט שטראַלט אויף פאַר מיר,
מיט טויזנט פייער־פענצטער. — — —
און דאָרטן — ווייט, ווייט, ווייט... —
א — ברודער מיינער —
א געהיימער אוצר — שטיל — א פּייערל...
אָן, דאָרטן... דאָרטן גלענצט ער...
מיט טויזנט כחות פלאַטערט, קלאַפּט זיך דאָרט אָן דיינע מויערן,
מיין יאָמערלאַך־צעבלוטיקטע נשמה...
נאָר אונדז, האַלט דאָ פאַרשפּאַרט אָן אייזן־האַרטע האַנט, —
די האַנט געהיים פון פריסט פון גאָלדן לאַנד,
וואָס האַלט דעם שליסל פון דער וועלט, — דער גרויסער תפיסה! — — —

שטיל... שטיל... —
נאָר בלויז פון צייט צו צייט,
אַף יענער זייט דאָ פון דער וואַנט,
קרעכצט עמיצער באַ דער גסיסה — — —

שוין — — —

שטיל, שטיל... עס שרייט די שטילקייט, ווי אַ גזלן!...
שוין שפּעט... שוין שפּעט... איך ווייס: ס'איז שפּעט!...
קיין זייגער איז באַ אונדז ניטאָ. —
(זיי, האָבן צוגענומען! — „זיי"...)
דאָך ווייס איך: ס'האָט מיין זייגער ערגעץ וואו
געשלאָגן שוין די לעצטע שעה...

——::——

הו־הא! — — — הו־הא!! — — —
אַ חתונה? אַ שמחה, אַזוי שפּעט? — —
דער זייגער האָט שוין וואו געשלאָגן „צוועלף"...
אָ!! ראַטעוועט!! אָ!! ראַט...!
אָ! רא....!! — שניידט דורך אַ קול דורך נאַכט —
שניידט זיך אריין אין מיטן פון דער פינצטערקייט
און בלייבט דאָרט הענגען אַ פאַרשטומטער... —
נאָר, ס'קאָנען ניט קיין קולות פון אַ גאַנצער וועלט, —
אַ ביז צום טויט פאַרפייניקטער, —
אַזוי־אָ, יאָמערן, ווי אָט די שטומקייט יאָמערט, יאָמערט,
פלאַטערנדיק מיט בלוט־באַפלעקטע, ווייסע פליגל,
פון די טיפסטע אָפּגרונטן פון ים'ען
ביז צום צאָרן־שווייגנדיקן הימל... —
דאָס האָבן זיך צעהוליעט שוין די מענטשן־וועלף!...
דאָס שלעפּן זיי אַן אַלטן אידן,
אים האַלטנדיק פאַר הענט און פיס,
טאַנצן זיי דעם „וואָלפן־טאַנץ"
און פליקן אים זיין זילבער־ווייסע באָרד...
ווילד שטשערענדיק די ציין, כאַכאַטשען זיי:
„דאָס פליקן מיר אַ גאַנדז!!" — — —
— — — — — — — — — — — — — — — —

און ערגיץ־וואו — אױף יענער זײַט,
פֿון אונדזער בלוט־באַפֿלעקטער וועלט,—
דאָרט פֿליִען שרײַיעדיקע גענדז,
אַנטקעגן שרײַיעדיקער זון —
דעם אײביקן געשרײ צום לעבן,
פֿליִען, שרײַען, ווילדע, ווײַסע גענדז. — — —

און נאָך אַן אַנדער נאַכט, קומט אָן אַן אַנדער טאָג, —
אַ טאָג אַ בלוטיקער, פֿון וואַשן זיך אין בלוט.

און — אין אַ שטילן הויף — אַ הינטערגעסל — אין אַ שטאַל —
ס׳האָט נאָר געזען פֿון מאָרגן־זון דער בלאַסער שטראַל —
און ווײַטער קײנער ניט — און אפֿשר אױך די מערדער —
אפֿשר זײ אױך — די געמאָרדעטע! — — —

שטיל... פֿון צײַט צו צײַט—אַ מערדער׳ס ברום... אַ קרבנ׳ס גוואַלד־געשרײ!
. . . דעם מערדער׳ס שמוציק־האַרטער שטיוול,
אױף איר, ריין מאַרטיר־הײליק לײַב, —
איר לעמער־מילדער בליק, פֿון אירע יעזוס־פֿײַכטע אויגן,
באַדויערט אים, פֿון אונטער האַרטן שטיוול, —
זי האָט אױף אים רחמנות, וואָס ער איז, נעבאַך — אַ מערדער...
און שוין דעם לעצטן ביס, אין שטיוול — פֿאַר יסורים,
זי טוט אַ צאַפּל, און גײט אויס. — — —

און אָט, איר שוועסטער נעבן איר, —
די שוואַרצע קרויזן אױף איר קלאָרן שטערן,
אין רויטע רינגען מיטן בלוט פֿאַרקלעפּט, —
איר אויסגעשלאָגן אויג — דאָ אָפּן מיסט — — — —
עס קוקט — — עס קוקט — — עס זעט דאָס אויג:
אַ חזיר און אַ הונט, זײ רײַסן זיך —
זײ רײַסן זיך פֿאַר אירע אָפּגעשניטענע בריסט — אין מיסט...
און מיט דעם לעצטן פֿלאַם פֿון פֿאַר גסיסה,
טוט זי ווילד אַ צאַפּל אויף,
קאָנוואולסיוו טוט זי זיך אַ שלײדער,
טוט אַ רעווע און אַ צאַפּל, און אַ פֿאַל צוריק... — — — —

דער מערדער א צעשויבערטער, ער טוט א רעווע און — א צאפל!
ער טוט א שפיי, און — ער אנטלויפט...
אנטלויפט, און — לויפט צוריק... טוט נאך א מאל א שפיי. —
א שפיי, און — קערט זיך ווידער אום, און — הייבט אן שפייען...
רעבטס און לינקס, מיט סליונע און מיט ווערימדיקע קללות...
און נעמט זיך דרייען, ווי א ווארים, ארום זיך אליין...
אהער־אהין... אהין־אהער... און — ווידער צוריק...
ער לויפט און צלמ'ט זיך און קוקט אף הינטער: —
„זי לעבט... זי לעבט... זי לעבט..."
און מיט דער גבורה, פון מטורפ'ע —
א כאפ געטאן דעם חזיר — זעץ אן וואנט דעם חזיר,
צעריסן אים אף צווייען, און —
מיטביידע העלפט פון חזיר א פארבלוטיקטער אנטלאפן...

——::——

נאכט און שווארץ, און שווארץ און שטיל...
עס שרייט די שטילקייט, מיט געקוילעטע און נישט־דערקוילעטע, —
און מער נאך — פון די קוילער...
זיך — דעם קוילער, צו פארשרייען...
א בית־עולם איז די שטאט. —
די הייזער, קוקן איינס דאס אנדערע זיך אן ווי קברים...
א קאלטער ווינט, געמט אן די וועלט און שאקלט איר,
און שאקלט איר, ווי ס'וואלט דעם ווינט ארויסגעשיקט די וועלט — —
נקמה נעמען פאר דער וועלט...

עס שניידט זיך טיף אריין אין חושך פון דער נאכט,
דאס וואיען פון א חושכ'דיקן הונט...
ווי דורך זיין עלנד הינטיש מויל,
וואלט זיך צעיאמערט, די פארפייניקט־חושכ'דיקע וועלט...

א שלוכצן, אויסגעמישט מיט א משוגע'נעם געלעכטער,
טרייסלען אויף די וועלט...
עס ציטערן די הימלען...
עס ציטערט די לבנה... און עס ציטערן די שטערן...
און עס שאקלען זיך די זיילן פון דער בלוט־באפלעקטער וועלט...

——::——

און פון דעם וואָיען פון דעם הונט, —
האָב איך די שטים פון גאָט געהערט, — —
און גאָט, האָט מיט א שלוכצן זיך צעיאָמערט —
א ריס געטאָן — ארויס פון זיך דאָס הארץ,
און טיף אין כף־הקל — א שליידער עס געטאָן. — — — — —
און מיט די פויסטן זיך ארויסגעזעצט דעם מארך...

און פון מיסטעריען, ווייטע ווייטן, —
האָט גאָט צו מיר אין הארץ גערעדט: —

„... דו יונגער זון, פון אַלטן פאָלק, —
רייס אויס דיין הארץ, וואָס איז ווי סם,
און גיי, פאַר'סם מיט איר דאָס שלעכטס פון דר'ערד!
און נעם דיין צאָרן־רויטן פלאַם,
און שמיד זיך אויס פון אים א הארץ, —
א הארץ, וואו ס'וועט די שווערד און שפיז,
פון אַלדאָס שלעכטסקייט אף דער ערד,
צעשמאָלצן ווערן אין זיין פלאַם...
און זאָג די שטיפקינדער פון דר'ערד, —
צערייסן זאָלן זיי דאָס בלוטיק העמד,
וואָס ווערגט ביז בלוט זיי, זייער האלדז...
און — ס'גרייכט דאָס בלוט שוין — איבערן האלדז — — — —

און דאָס פארבלוטיקט העמד — הויב אויף אין דר'הויך — א פאָן,
שריי אויס, — אז מענטש צו מענטש איז פאלש און פרעמד, —
קיין מין פרעסט ניט זיין אייגן מין, ווי — מענטש! — —
ווען מענטש, דארף — מענטש נאָך בלוטיק־נענטער זיין ווי ס'העמד.
און זאָל איעדער מיט זיין בלוט־העמד־פאָן
מיט פייער־בלוט־און־גאַל א רעווע טאָן,
אז ס'זאָל די פאלשקייט פון דער וועלט,
צעפלאַצן אין מיליאָנען שטיק!
אין לופט זאָל הענגען דאָס געשריי: —
„מען פיטערט אייך מיט אונדזער בלוט, —
געשטאָפּט ווי גענדז און ווי חזירים, —
כדי פון אייך צו מאכן שמאַלץ!
און זיך פארשמאַלצוועז דאָס הארץ!" — — —

און זאָג די פּריסטער פון דער וועלט, —
אַז ס'איז ניטאָ איין מענטש באַ זיי!
איין מענטש, וואָס איז אין גאָט'ס געשטאַלט! — — —
און זאָלסט אַ דונער טאָן צו זיי, —
אַז טאָן אַ ציטער זאָל די ערד; —
„... גענוג געשאַלט! גענוג געוואַלט! —
איר בלוט־הינט, מענטשן־פרעסער — האַלט!" — — — —

און זאָג די פּראָפּעסאָרן פון דער ערד, —
ס'איז אייער אַקאַדעמיע־עפּידעמיע פול —
מיט ביכער נאָר, פון מאָרד און רויב!
און פון קאַטעדרעס לערנט איר, —
פון יאָר — צו יאָר, פון דור — צו דור, —
פון שלאָגן, פּלאָגן, שטעכן נאָר...
פון קוילן, ביילן, ברעכן נאָר...
ס'האָט איר די בלוט־באַפלעקטע וועלט —
געמאַכט פון זון־באַשטאַרלטער וועלט!...

און גיי אַרום אַליין אין פעלד, —
דאָרט שטייט אַן אַלט צעצווייגטער דעמב, —
די פּאַסטוכער פון די חזירים,
האָבן אין זיין יוגנט־יאָר,
זיין שטאַם געבויגן צו דער ערד, —

און איבער אים — צום צײַט־פּאַרטרײַב —
געטריבן די חזירים שפּרינגען; —
און דו, ביסט עס דער יונגער צווײַג,
וואָס האָט פון טיף־געבויגענעם שטאַם,
פון אונטן, זיך צוריק — אַרויף, געשטרעקט, —
אין דר'הויך צום הימל שטאָלץ זײַן קאָפּ!
און מיט דײַן שטאָלץ דערהויבנקייט,
צו אַלע עקן פון דער וועלט, —
רוף אויף די אַלע טעכטער, זין, —
צעפּליקט, צערינן, לײַב און זעל; —
קלײַב אויף די אָפּגעהאַקטע פיס,
די אָפּגעריסענע הענט און בריסט, —
די אַלע, וועלכע לויפן אום,
אין וועלדער, פעלדער, גאַסן, מערק, —
די אַלע מוטערס, און מיט זיי —
די קינדער אויפגעהאַנגענע, —
קלײַב אויף, די אַלע — יונג און אַלט,
וואָס לויפן אום משוגע'נע, —
און שטעל זיי אויף — צעשניטענע,
פאַרברענטע און געשענדעטע; —
און מאַך פון זיי, איין גרויסן פאָלק, —
מאַרשיר מיט זיי, פון לאַנד — צו לאַנד,

פון ים — צו ים, פון פאָלק — צו פאָלק! —
און זאָלן זיי, מיט נעגל, ציין,
צעבייסן מענטשן, בייסן הינט, —
און רעווען זאָלן משוגעים... —
אַז משוגע ווערן זאָל די וועלט...
און משוגע ווערן זאָלן הינט... —
און הינט — זיי, זאָלן מענטשן בייסן, —
און מענטשן — זאָלן בייסן הינט! —
און פון דעם משוגעת־גלאַנץ,
פון זייער געל־און־גרינעם בליק,
פון געלן פיין און גרינער גאַל,
וואו ס'שרייט דער בראָך פון גאַר דער וועלט, —
זאָל קראַכן, לאַכן אין דער אייביקייט אריין...
און זאָל דער סם פון מענטש צו מענטש,
פאַר'סמ'ען דאָ דעם מענטשן־מין; —
אנשטאָט דעם ערגסטן מין, — דעם מענטש, —
זאָל הערשן אויף דער וועלט דער בעסערער מין, —
דער וואָרים־ און דער שלאַנגען־מין! — — —
און זאָל די וועלט, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ים, —
אַ שוואַרצן, כוואַליעדיקן ים פון ווערים, —
אַ שוואַרצער, כוואַליעדיקער ים פון שלאַנגען!... — —
און זאָלן ווערים, שלאַנגען — אנשטאָט מענטשן —
אויספילן, די זון־באַשטראַלטע וועלט!...

1920

VI

דער טרויער פון „דערשיינען"

— א גוט־מאָרגן, מיין טרויער! וואוהין? און צו וועמען? —
— א גוט־מאָרגן! דאָס וואָרט איך אָפּ דיר און איך לויער... —
— האָסט נאָך קיינמאָל אזוי נישט באַפאַלן מיך — טרויער: —
— ווייל, ס'טראָגט דיך — „דערשיינען"... די לידער... פאַר'קנס'ט דיך
צו איר... צו דער פאַלשער... דער וועלט... — איך באַדויער: —
זי נעמט די מתנות בא דיר און — פאַרהאַסט דיר,
ס'וועלן שפּאָטן: — די מאַרק־טיר... די הינטער־טיר... גאַס־טיר...

האָסט נאָך קיינמאָל אזוי נישט געכראַמסקעט מיך — טרויער!
קראַץ, טרויער! — אין הארצן, ווי ראַצן — קאַלופּע! ——
— ... דער נאַר! שלעפּט — ווי יעזוס, דעם צלם — „די חופּה"...
וואָלט בעסער אין פייער געשפּרונגען דער „חתן"...
שלעפּ, יעזוס, דעם צלם!... שטעל פּיסעלאַך... — טופּע...
ס'באַפאַלן ווי הינט, די פּאַרצווייפלען? פּאַרדראָסן? —
צעביים זיי — די הינט: די „פאַר־וועמען?"־ס, „צו־וואָס?"־ן!...

האָסט נאָך קיינמאָל אזוי נישט געביסן מיך — טרויער! —
... „אָן טעכניק (?)... אָן פּריינט"... אָן א „פּאַס" — א ניט־היגער!...
„אָן גראַמאַטיקע" — שטאָלץ־פון־דער־וועלט־און־דער־שוויגער!...
וועט דיין גוסט — איר גוסטירן? דיין סטיל — איר האווירן?
צוליב „קאַצעמויז"־שפּיל, קען נאָך וועלט־קריטיק־„טיגער",
ווי א קעצל, א שטילס, גאָר דעם „לייב" איגנאָרירן!
און אין הארץ — פאַר געזאַנג — בליען רויזן — געשווירן!...

1932

מיר דיכטער — ציגיינער

מיר קומען פון „הפקר", אַ חברה ציגיינער, —
די ווינטערטעטער, — טרינקער, דער ווײַן און — דער וויינער...
אַן אַלט־יונגער שבט, אַן אָרימער־רייכער.
מיר כישוף׳ן, ווערן פאַר׳כישופ׳ט פון — לידער.
און וואו אַ געראַנק־קינד, אַ שטיפעריש־פיינער —
און וואו נאָר אַ שפּיל־וואָרט אַ שאַרפער, אַ גלייכער, —
צעברעכן מיר קינסטלעריש־פיין אים די גלידער;

און — גאַלאָפּ! אויף פעגאַזוס, מיר לאָזן זיך הוידען,
אויף שקאַפעס פון וואָלקנס, אין טרוימישע בוידן,
טויט־שיכור, פון בלוטיקע גראַמען — מיר הוליען,
מיר פליען אויף שטערן־לבנה׳שע וועלטן!
מיר — וואָרט־אַקראָבאַטן, קונסט־ייונגען, קונסט־מוידן, —
מיר מאַכן קונסט־קונצשטיק: — „קוק אָן, וועלט — אַ קוליען!!" —
און — פאַלן טויט „אונטן" — צעבלוטיקט — ניט זעלטן...

מיר זיינען אַ באַנדע גנבים, ציגיינער,
באַ אונדז: — אויב נישט מיינע, — איז דיינע, צו זיינע!
ציגיינערן־אויס איינעמס שפּיל־ווערטלאַך־פערדלאַך
און... היידאַ! — אין אַנדערניס, לידער־וואַלד וואַנדערן! —
מיין פויגל־וואָרט, נעכטן? — ליגט דערשטיקט שוין היינט — זיינער.
מיר פאַכן מיט טעריקיש־לבנה׳שע שווערדלאַך,
און „סטראַשען" מיט גאונות זיך איינער דעם אַנדערן:

— „שוין געזען ווי די מילב־קריטיק לויבט אונדז אין „אומקום"? —
— „אונדזער וועלט'ס גרעסטע זאַכ'ל, די דראַמע „דער טומטום"? —
— „אַט־אַט, און — מיר האַלטן — אַ וויצל אין שאַפן..." —
— „אַן ערשט־קלאַסיק, גאונות'דיק, וועלט־אונטערגאַנגל!" —
— „געזאָלט זיין געדרוקט, אין פאַרגאַנגענעם „צוקומפט". —
— „מ'וואָלט מוזן שוין „ט'מאַרגענען" אונדז — זיך פאַרשקלאַפן..." —
— „אַ נס — וואָס דאָס בלאַט, ווערט צעפּלאַצט פון — פּלאַץ־מאַנגל..." —

מיר זיינען אַ שטאַם, וואָס אין בליען — „גייט אונטער",
אַ שבט ציגיינער — ניט גאָר קיין געזונטער:
„אין די אויגן" — לאָזט איינער פון אַנדערן זיך חנפ'ען,
און „אונטער די אויגן" — מען רייסט זיך אַרונטער: —
(אין נאַכט־רעסטאָראַנען, פאַרדומפּן — קאַנורעס...)
פאַר'גנב'עט זיך גנב, באַם גנב, באַ'גנב'ען —
די טויזנט מאָל איבערגע'גנב'עטע שורות...

1924

יעהאָוואַ

אומעטיק יעהאָוואַ'ן, יעהאָוואַ קען נישט שלאָפן, —
לאַנגווייליק יעהאָוואַ'ן, אין די זיבן הימלען! —
נישט ווייל — ס'אומעטיק און לאַנגווייליק מיט — קופּן,
צי ס'איז אומעטיג און לאַנגווייליג מיט גימלען! —

צוליב עפּעס אנדערש, לאַנגווײלט זיך יעהאָוואַ: —
אַלצדינג טוט יעהאָוואַ אין די הימלען וויסן:
ווען טון „טל־ומטר" זאָגן, — „יעלה־ויבוא",
ווען טון שיטן שניי, און — ווען טון רעגן גיסן; —

ער באַדאַרף אין גייעם לוח נאָר אַ קוק טאָן, —
און ער ווייס באַלד, ווען ס'טוט אויספאַלן קורץ־פּרייטיק;
ער באַדאַרף אַ בלעטל, נאָר אַרויף — אַ רוק טאָן, —
און ער ווייס, ווען טון דעם אַגרעס, מאַכן צייטיס...

טאָמער וויל ער וויסן, וואָס צו טאָן אויף מאָרגן, —
זאָל ער מאַכן בלאָטע אָדער זוניק וועטער, —
נו — דאָ דאַרף ער איבערהויפּט זיך גאָרנישט זאָרגן:
דאָס באַשרייבט דער וועטער־נביא אין די בלעטער!...

ווײַל ס'איז פֿאַראַנען אין אַ מילגרוים יאָדרעס,
און אויך — די „ביזנעס", ווען ס'פֿאַלט אויסעט „שבת־הגדול",
און אויך — די „ביזנעס" מיט די מעטריקעס פֿון טאָדרעס,
און — אַז טאָדרעס, איז באַשערט פֿאַר שײנע האָדל...

בלויז נאָר אײן זאַך ווײס ניט גאָט, יעהאָוואַ! —
און זאָגאָר די בלעטער, טוען דאָס ניט ווײסן:
וואָס עס איז דער אָפּשטאַם, יחוס פֿון יעהאָוואַ'ן? —
(„באַ וואָס אַרבעט ער?" „ווי לאַנג אין לאַנד?" „ס'אַרנאַ לאַנדסמאַן?")
און — מײדלאַך האָבן מורא מיט אַזאַ, — אַ שידוך שליסן!...

גאָט ווײס, וואָס עס וואָלט פֿון אים, יעהאָוואַ'ן, ווערן; —
ס'וואָלט געווען אַף אים, אַ וויסטער גאָטס רחמנות, —
ווען ער וואָלט זיך ניט פֿאַרשפּילט מיט צאַצקעס־שטערן,
און מיט בלישטשעדיקע צאַצקעלאַך, לבנות...

גאַנצע טעג שטײט ער, און פּוצט און שײערט זונען, —
אמת'דיקע קונסט! די זונען — אַזש זײ ברענען!...
שוין פֿאַרנוצט אַף זײ פּאָמאַדע — גאַנצע טונען,
און געהאָפֿט, ס'וועט אים באַטש ניגער, אָנערקענען... —

נאַר — אז אַלץ הענגט אָפּ אָן מזל! און שיין ניגער,
האָט אים מיאוס איגנאָרירט... און — פּע — פאַרשוויגן...
און יעהאָוואַ זיצט אין הימל — אַ „ניט־היגער"...
און ער פילט זיך, אַף זיין קרוין איז אָנגעשפּיגן!...

און „ס'לעבט אייביק", שטייט און וויינט אין הימל־ספערע:
„... איצט, וועל איך שוין אייביק בלייבן אָן אַ כלה!"...
שטעלט זיך פאַר, ווי ס'איז געפאַלן מיין קאַריערע:
„אַלס קונסט" — האָלט אפילו ווינפּערל — „איז מיין וועלט אַ צו באַנאַלע".

ס'האָלט מיט מיר, באַלד ווי מיט לעיעלעסן־גלאַנצן,
ס'זאָל מיין כבוד — גלאַנץ, מיט ווינפּער־געל־גרין שימלען!
און די שמעק־טאַבאַטש־ניקס זאָלן, ווי־איז־מיר, „אַלס גאַנצן"
אַרונטעררייסן מיך, „יעהאָוו'קען" — פון די הימלען!...

ווי אַמאָל האָט משה־יונה חיימאָוועס
זיך גענומען צו שעקספּיר'קען — (ס'הייסט: שעקספּיר'ן),
און האָט בעל־מחשבות'קען — (ס'הייסט: בעל־מחשבות),
ווייַ — געשאָלטן אים, מיט מכות און געשווירן!...

און געקומען איז דערצו, אַז ניסנזאָנאַוול, —
אַז אַ פּליי — זאָל קאַווע-יאַכלען מאַכן זאָרגן: —
אַ סמאַרק געטאָן צום הימל, האָט דער „ענו׳ל״,
אַלס אַן ענטפּער, אַף יעהאָוואַ׳ס אַ „גוט מאָרגן״...

און יעהאָוואַ, גאָט, דער גרעסטער פון די געטער,
האָט צעיאָמערט זיך אין הימלס „פוירסט-קלאַס״ בלאַקייט
און געדונערט האָט גאָט׳ס שטים פון ברייטן עטהער,
דורך דער ענדלאָז-ברייטער גאָרניש-ניש-נישטאָ׳קייט: —

משה! משה! דו, פון ווייטן, ווייטן „סי-נעיט״! —
נאַדיר! דו, מיין אויסדערוויילטער ערד-פאַרטרעטער,
צבאות נאָמען, אי פאַרשוועכט און פאַרכיכיקעט!...
דו נאָר, דו — ווי יענער משה, ביסט מיין רעטער!...

ווילד-קרויט אַף צבאות מיסט, אַרויסגעוואָקסן! —
יעדער, דאָרטן, רופט זיך „יונגער״ און „מאָדערנער״, —
ווי דער ילקוט שרייבט: — דערפאַר, ווייל יונגע אָקסן,
זיינען מיסטיקער, ווי זיי, און — אויך אָן הערנער!...

ווײ! וואָס ס׳טוט זיך אָפּעט אין קאַפּע „אײראָפּע״!!
דילאָן! קאַכט זיך און צערײסט אַף העלפט אַ חלה:
אַז, יופּיטער איז אַלם קונסט, אַ שטיק אוטאָפּיע! —
און ער הירזשעט!!! — קוקט זיך אום: צי ס׳הערן אַלע!...

——::——

שוין געזען ניט אײנמאָל יאָמערנדיק געטער!
נאָר ניט ווי ס׳יאָמערט אל־צבאות אין די הימלען!
ס׳בויגן זיך פאַר שרעק אין צעדער־וואַלד די צעדער —
און עם בליצט יעהאָוועס וואָרט מיט „זײנ׳ס״ און מיט „גימלען״!

און גאָט׳ס שטים, האָט פון דעם וועלט־אַל אָפּגעציטערט:
„דו, בן אָדם! גײ באַפרײ מײן פעלד דאָס „אידיש״ ליטעראַריש, —
ליטעראַרישע חזירים — פעט געפּיטערט —
פּיטערן זיך דאָרטן, ווי אַמאָל די פּרעה׳ס...
און מיט ביטער־קרויט מײן „אידיש״ פעלד פאַרביטערט.

און — מיט „גאָטעס הילף״, — יאָ, משה קען די מלאכה! —
שפּאַלט די איסט־בראָדוױיטאָק בלאָטקעס מיט זײן שטעקן: —
דער „הענט נישט געוואשן״ קוועלט ווי משה האָט הצלחה:
און וואַשט די הענט אין ניגער־זאַפּט אַ פולן בעקן...

1928

קינדערלאַך – נאַט אייך אַ ביכעלע

קומט, קינדערלאַך — דיכטערלאַך, — נאַט אייך אַ ביכעלע...
אַ מתנה׳לע — קינדערלאַך — ערלאַכע, גוטינקע...
שפּילט — לאַכט־אויס די לידעלאַך, מאַכט — אַ כּי־כּי־כעלע —
זוינגט — טרינקט, פון די שורה׳לאַך מיינע, ווייַן־בלוטיקע...

צו הויך צו דאַלאַנגען? — טאָ וואַרפט מיך אַרונטער צו,
און — שטעלט זיך אַרויף הויך, אַף מיר און מיין ביכעלע...
צו גערדיכט די גערדיכטע? — גיסט זאָדע אין טינטער צו,
און זאָל זיין מיט זאָדע אייער דיכטערשע „מיכיעלע״...

נעמט, קינדערלאַך — צוקערלאַך נאַשט פון מיין ביכעלע.
און דערטרינקט מיינע שורות אין ים „טרוקן־ביכעלאַך״...
פאַרלעשט די זון אין קאַפּיי — ס׳וואַרעמט־אַן אייער „איכעלע״
דערטרינקט מיך אין טיי, לאַכט — און קראַכט אייער־קיכעלאַך...

און איך, וועל זיך מיט היינע׳ן, אין טיי־גלאָז באַגעגענען, —
וואו איר, קינדער, דערטרינקט יעדע נאַכט מיט צוועלף אַנדערע, —
און איך וועל מיט שעקספּיר׳ן זיך האַרציק געזעגענען,
ביז מאָרגן, אין טיי־גלאָז — וועלן ווידער דאָ וואַנדערן. — — —

אייער פּוסטקייט

„די באַן קען דען נישט גיין אָן פּייפּן? —
דער תירוץ איז — גאוה!”...

———::———

צו פאַרדעקן אייער פּוסטקייט,
ציט איר אָן אַף דעם אַ קליידי —
פון אַליין־זיך־אומבאַוואוסטקייט, —
גאָרנישט־זאָגנדיקע רייד!...

ס'פאַלט מיר אָן אַ גורנאָטע,
פאָרשנדיק אין אייער בוך; —
ס'האָבן דאָרטן פּיפּערנאָטערס
אויסגעגאָסן זייער פלוך!...

אַזוי „שרעקלאַך”, „מ'ווייס־ניט־וואָס'יק” —
כלומרשט: ... „עמיץ”... כ'ווייס־וואָס־ווער...
נודזשעט, — זאָגט ניט אויס דעם פּסוק: —
אונדז דערשרעקן: „בו!... אַ בער!” —

אַ מגפה היינט אַף — — „ש־ל־י־אַ־כ־ן”...
ים־קעץ זעט מען אַף זיי גיין!
„שליאַכן” — — „שליאַכן” — — כ'קייך פון לאַכן!
אַזש — כ'פאַרגיי זיך ביז געוויין. — —

אַלע זייט איר פון איין „חדר”. —
קענט איר זיין שאַבלאָן באַהיט? —
„... טאָטער — קדר, בגדים — קליידער”...
שרייט פונם „גוואַלד־מאָדערנעם” ליד!...

———::———

און די „גאוה” כלומרשט, האַלט זיך,
שרייאיק־נידעריק ווי גראָז...
נאָר, אין פּייכטן גראָז, באַהאַלט זיך, —
קוואַקעט: „כבוד!” שילט זיך — פראָש: —

„קוקט׳ס! — מיר דיכטער־אַקראָבאַטן,
„שטייען, גייען אַף דער — נאָז!...
„קוקט׳ס נאָר; — קונסט־שטיק! דיכטער־יאַטן,
מאַכן קאָזשעלקעס:
„י —
אָ...
ק;
נ —:
אָ?
ה,
אָ.
ז!" — — —

„מאָדע"־נאָכ־טאַנץ: „גליַיך מיט לייטן"...
שפּרונג: — קיין שניפּישאָק, פון — פּאַריז; —
קריכט אַף קרום־ווענט־„נייאיקייטן":
למשל: „זי — אַ שוסטער — איז —";

און מיט דראַטווע אויפגעניייטע",
„סודות — סוד׳ן זיך געהיים":
„... אַז מען רופט די כּלה: „מייטע"
„שמירט מען אויס די שטוב מיט ליים!" — — — —

——::——

צו פאַרדעקטן אייער פּוסטקייט,
ציט איר אָן אַף דעם אַ קלייד —
פון אַליין־זיך־אומבאַוואוסטקייט,
גאָרנישט־זאָגנדיקע רייד...

1928

„עמיץ“ — געניצט — — —

(געווידמעט די „יונגע“, צעקנייטשטע,
ערשט פון איי אַרויסגעקראָכענע,
וואָס זינגען אַלע אין איין כאָר:
„ע־מ־י־ץ“... „ע־ר־ג־י־ץ“... „ש־וו־ע־ל־ן“...
„ד־ר־רות“... „ש־ל־יאַ־כ־ן“... און: —
„איך טראָג זיך אַרום מיט אַ „קראַנץ“
און איך האָב ניט וועמען צו געבן.“ — — —)

——::——

„עמיץ“ שטייט וואו — געניצט — „ערגיץ“
(אַף אַ באַרג מסתמא) ה־ה־ה־ו־ר־ו!...
„עמיץ“ — ווייס דער גוטער יאָר אים...
„ערגיץ“ — שדים ווייסן וואו! — — — —

און עס דוכט זיך... ערגיץ רוקט מען
צינג... פון „וואו“ אַ הערצו־צו — — — —
און עס דאַכט זיך... עמיץ קוקט... ווען? —
— מ׳ווייס ווער... ווייל — מ׳ווייס ניט וואו — — — —

און אַט־דער „עמיץ“ שטייט און נו׳קעט
מיר אין אויער: „נו... נו... נו...
גזלן! כ׳ווער דאָך אַזש צעפּוקעט! —
זאָגס ניט „ווער“... טאָ זאָג כאָטש — „וואו!“ — — — —

1916

הוליאַ־יאַלדאַ — מעלאָזאַנדאַ

הוליאַ־יאַלדאַ — מעלאָזאַנדאַ!
פון אַ ווייטן, גרינעם שטערן, —
מיין גרין־אויגיקע בראָנעטקע: —
כל־זמן מיר זיינען נאָך פאַראַן דאָ, —
לאָמיר, איידער׳ן נישט ווערן, —
נאָך אַ זינג־טאָן אַ „סאָנעט״ קע!...

ניט ווי יענע אַלטע נאָנעס,
על־פּי־דין: — פּונקט פּערצן שורות,
צוגעציילט, אָן מזל־ברכה, —
אָט די אַלטע זאַבאָבאָנעס
איז די קונץ פון „שורה־בורע״,
דעם „סאָנעטן־בעל־מלאכה״.

און וואָס איז די נפקא־מינה,
וואָס דיין טאַטע איז געווען דאָרט? —
אַ גרויסער רב? צי גאָר אַ רב׳ל? —
נאָך אַ טאַנץ! מיין ליכטע דינע, —
ס׳איז דער יחוס, דאָך געווענדט נאָר
אין אויסטאַנצן דעם „הכל־הבל״. — — —

נאָך אַ שפּרונג; די העכסטע תורה! —
די געפליגלטסטע חריפות, —
קליגלען אויס דעם וועלט־זין — דיינע פּיסלאַך!
ס׳איז נאָר אַ שאָדן, אַן עבירה: —
אַזוי פיל יאָר, צו׳ן אַלדי רוחות,
אוועק אין קנאַקן פּוסטע ניסלאַך!...

הוליאַ־יאַלדאַ — מעלאָזאַנדאַ!
פון אַ ווייטן, גרינעם שטערן, —
מיין גרין־אויגיקע בראָנעטאַ;
כל־זמן מיר זיינען נאָך פאַראַן דאָ, —
לאָמיר, איידער׳ן נישט ווערן, —
נאָך אַ זינג־טאָן אַ סאָנעטאַ! — — —

1923

טשעריטשאַן און וועניס-שליוראַ

דער אַלטער, פאַרטראַכטער, שעריטשאַנער, טשעריטשאַן,
איז געווען אין דעם זוניקן בערגלאַנד — אַ טאַטער,
האָט ער געטראָגן אַ געפּאַלדעוועט-ברייטן שאַראַפאַן; —
איז — אי, וועט איר זאָגן: וועמען-אַרט-עס! — נו, האָט ער!
און פּיליצט טאַקע נישט?! ס'אַ געלעכטער?! ווייל מ'ווייסט ניט,
צי איז ער, אין גאַנצן געווען פאַראַן!...

נו — איז ווידער די אייגענע מעשה: — טשעריבאַן! —
איז פאַראַנען אַ גאָט? יאָ! פאַראַנען אַ גאָט. — — — ער —
האָט באַשאַפן דעם מענטש: — דעם קאָפּ-קרויט- און קאַטשאַן!
וועט איר נאָכאַמאָל זאָגן: וועמען אַרט עס! נו — האָט ער! —
נאָר דאָס גרעסטע געלעכטער, אַז ער אַליין ווייס ניט,
צי האָט ער — באַשאַפן? צי איז ער — פאַראַן?!

אָט אַזוי איז אַ דיכטער, אַף דער וועלט, אויך פאַראַן, —
אַזאַ ליריק-סאַטיריק-באַנאַל-אָריגינאַל: — — — —
„... ווייל: דאָס מענש—איזט געגליכן צו איין סאַמאָוואַר מיט איין קראַן!"
„פּרעזידענט ווילסאָן!" „נבוכדנצר!" „וועניס-שליוראַ!" „איבעראַל!"...—
איז'ס די גרעסטע סאַטירע! — נאָר ער אַליין ווייס ניט,
אַז ער האָט געשאַפן און ער איז פאַראַן. — — —

און דער גוואַלד-מאָדערנישט'יקער פען-שאַרלאַטאַן,
ער האָט אים באַ'גנב'עט זיין „בלאָ-נאַכטיקגאַל" —
און מיט אַן עראָפּלאַן ס'זאָל ניט זיין „אָוועד-זמן, —
שנעל, דאַלאַנגט צו דער וועלט, אַלס זיין „אייגנס" אָריגינאַל...
איז'ס די גרעסטע סאַטירע — יענער — דער, — קיינער ווייס ניט,
אַז ער האָט גע'גנב'עט באַ אַ גנב דעם פּלאַן! —

ווייל: ניט ווייט פון מיין שטעטל, אין דאָרף „וואַלעריאַן",
צווישן בערג, צווישן טאָלן, — אַזש — סע גלוסט זיך צו מאָלן,
וואוינט מיין פעטער, דער מילנער לייזער-לייבקע גראָביאַן, —
פלעגט ער — מאָלן מעל, און איך — בערג און טאָלן...
ער פלעגט לאַכן פון מיר: ער האָט געלט! נאָר ער ווייס ניט,
אַז איך האָב די וועלט! — „בין אַ קינד פון גאָט פאַן!"...

זאָגט דער טאַטע צו מיר: גיי צו לייבקע גראָביאַן,
אין געגנט פון אַן אַ שיר טייכלאַך און טאָלן,
טיף פון גראָז נעם אַרויסעט זיין יונגן בולאַן,
אנשטאָט טאָלן — דאָס פערדל, אָף בלאָ זאָלסט מיר מאָלן...
ער מאַכט זיך נישט וויסן, דער פאַרד, קלאָמפּערשט וויים ניט,
אַז איך דאַרף פאַר דער עלטערער טאָכטער נדן...

דערנאָך שפּאַן איין ס׳פערדל, אין שענסטן געשפּאַן,
און שטעל אים באַם מיל, ווען עס הערט אויף צו מאָלן;
און — דערזעט אָט־די „חיה" לייזער־לייבקע גראָביאַן, —
ק״ן קערבלאַך, — ווי איין גראָשן, — וועט ער דיר באַצאָלן...
ווייל ער, ווי די וועלט, איז אַ כאַם, און — ער וויים ניט,
„אַז אַזוי האָט פאַרלאָפן זיך, דאָרטן און דאַן". — — —

און נעם אים אין אַקטיאָרישן נאַכט־רעסטאָראַן,
הויב הויך אויף די „מעניו" אַקטיאָריש־געניאַל,
אימפּראָוויזיר: „ווילסאָן!" „נבוכדנצר!" „גראָפּאָמאַן!"
„געפילטע קישקע, מיט בלאָ־נאַכטיק־גאַל־גרינער־גאַל!"
ס׳איז די גרעסטע סאַטירע! ווייל — וועלט־מבין וויים ניט,
אַז דו ביסט, אָף דער וועלט, גאָר אינגאַנצן פאַראַן!...

——::——

מאַכט דער אויסגעטראַכט־אַלטער, טשעריטשאַנער, טשעריטשאַן,
וואָס האָט אין דעם בערג־לאַנד, געזאָלט זיין — אַ טאָטער: —
„אַ פרוי, נעמט אַ מבין, צו קויפן אַ — פאַן,
נאָר איך זאָג: (שטאָט זאָגן, מ׳הערט דיך ווי דעם קאָטער —)
מ׳הערט דיך, ווי איך, די קריטיק! ווייל עס דאַרף ניט
קיין מבין, ווער ס׳קויפט ניט, נאָר—מאַכט זיך אליין אַ קאַפּטאַן!

דער אינזיכיזם-מאָדערניזם

1

ניין! נישט נאַפּאָלעאָן, נישט זיין נאָכפאָלגער — דאַנצעס,
און נישט אונדזער פּריינט — דאָס עלעקטרישע רעדל,
וואָס האָט שוין פאַרכאַפּט אי די וועלט, אי דאָס אידן־זאַפּט־טום...
ניט ס'רעדל, וואָס מעכטיקער נאָך פון זיי ביידן —
ווערט היינט איגנאָרירן ס'מאָדערנישטישע וועלט!

נאָר אני, איך הקטן — אָן רעקאָמענדאַציעס,
אַפילו אָן פּ'ע'ן־קלובס א מיטגלידערשאַפט־צעטל, —
וואו ס'גראַמט נאָך פון שלאָגים־שלעכט־שטום־אומעטום,באַמבע־בום.
יאָ! איך, אָן א נאָמען, אָן „דריידלאַך־באַשיידן" —
האָב היינט איגנאָרירט ס'אינזיכיסטישע וועלט, —

איך — וואָס פאַר מיר איז די וועלט — אַף דער וועלט,
הינטער וועלט'ס ברייטן הינטן פאַרשטעלט —
איגנאָריר היינט דעם וועלט־אינזיכיז־מאָדע־ניזם:
די מאָדע! דאָס הייליקסטע!! ס'וועלט־קאַטעכיזם!!!

2

איך וויים, אז „מע" טאָר היינט פון פויגל, ניט זינגען, —
ס'איז נאָר אין דער מאָדע נאָך פויגל, צו שיסן,
אוי, וויים איך, די מאָדע! — די מאָדע — איז פרימער פון פרום!
לויט „מאָדע" מוז אָנשטעל די פעדערן פאַרבן, —
אז ניט? — איז אזש ווי צו דיין אָכ'איקער וועלט...

נאָר, וואָס זאָל איך טאָן? — זאָל דאָס הארץ מיר צעשפּרינגען? —
אז וואַסערלאַך פאָלן און פאָלן און פליסן...
און פויגעלאַך, פלעשקען זיך, פלעשקען זיך, פליען ארום...
די זון שטראַלט — אוי, קינדער! ווי שיין! — מ'קען שטאַרבן!
ס'איז פרילינג! — זאָל איך אזוי זיין אַף דער וועלט...

יאָ, אמת'ער פרילינג! — ס'טוט ווי פאַר דער וועלט, —
האָט זיך אליין מיטן אייגענעם הינטן פאַרשטעלט...
ווי קען גאָר די פּרוכטבאַרקייט זיך מאָדע'זירן?
און לאָזן פון גלאַנץ'ס־פאַלשע ציין זיך קאַסטרירן?

3

זעט, קינדער, אָט שטייט דער רויט־ברוסטיקער פויגל. —
מ׳קען אויסגיין! ווי שיין, עלעגאַנט, ווילד און נאָבל; —
ער קראַצט אוים פון די הילפלאָזע בוימער די ווערים און לייז,—
ווען מען פּאָלגט מיך און לעניג׳ען עליו־השלום, —
אי־אי־אי, ווי זי פּאָלגט אונדז, די פינצטערקייט־וועלט, —

(— אָט קוקט ער — הערט צו וואָס איך זאָג — מיט אַן אויגל;
האַלט שטאָלץ־נאַפּאָלעאָניש אַ וואָרים אין שנאָבל. —)
ווען מען פּאָלגט אונדז—קריגט ער, און סאָוועטן,—די וועלט אַלס אַ פּרייז;
טוען אויף, בנאמנות, פאַר וועלט און פאַר שלום, —
מער ווי נאָבל אַליין וואָס׳ט פאַר„דופּטעט" די וועלט, —

מיט פּולווער און פּרייזן, — אַ שמאַך און אַ שאַנד, —
אַדאָפּטירט, פון דעם אידישן קרעמער־פאַרבאַנד,
וואָס מאַפּלט מיט פּרייזן, פאַרן גאון׳דל — זשעצער, —
דעם אַלאָוהאַשנאָבלדיק קנאָבעלן קוועטשער...

4

אָט־אָ דאָ, אין דעם פּאַרק, פלעגט אַמאָל זיין אין מאָדע,
צו שפּילן סימפּאָניעס, נאָך מער — „שפּילן" ליבעס...
דאָ אין פּאַרק — דער אָאַזים פון גאַסיקן מדבר „נויאָרק" —
קום איך זען משה׳ס נס — ווי ס׳פליסט וואַסער פון שטיינער, —
און — צי זיינען נאָך פויגעלאַך דאָ אַף דער וועלט?

דער פּאַרק, ווי דער פּאַרק! נאָר, ס׳„ארום" — אַ וויגאָדע! —
דאָ נעסטלט מען פויגלדיק־פּיין אין צוועלף שטיבער, —
אַי — דירה־געלט ברענט דאָ? — נישקשה! ס׳באַצאָלט זיך, אָן זאָרג. —
נאָר פינצטער און ביטער, דעם אָרעם געמיינעם:
ס׳איז זיין אייגענע שולד!—אַז ער האָט נישט קיין געלט!...

ווייל — ער האָט נישט קיין צייט, ער דאַרף אַרבעטן — טאָן,
איז די וועלט דאָך ניט זיינע — וואָס גייט זי אים אָן?
ער לאָזט זי, צו די וואָס דאָ וואוינען — די גבירן, —
די וועלט, ווי דעם פּאַרק — פאַר די הינט „אַרויס" — פירן...

1929

גיי ווער אַ פּאָעט — אַ קלאָג אַף דער וועלט

ליג זיך שלאָפן היינט פרי, שטיי אויף מאָרגן גאַנץ פרי!—
און גיי ווער — אַ פּאָעט, באַם טרינק־טיי — אין קאַפּיי!...
בלויז אין זיצפלייש, באַם וואַרמעס, וואַרמעסט אויס דיין „זשעני"!
אַלאַ ניט! וועט דיר — ווייסטאָך שוין — זיין: ווינד און וויי!

און באַם ראָזן האָריזאָנט, פון דיין גלאַנציקן פליך,
כאַפּ, גיב שנעל אַ פּאַרלאָז אַ געדיכטן וואַלד־האָר,
און לאָז מערן, פליי — „דורות", וואָס ד־ו־ר־ו־ת'ן זיך,
אַף די „ש־ל־יי־אַ־כ־ן" פון שורות... צו אַלדע שוואַרץ יאָר!!

צעהאַק שורות, אויב מעגלאַך, ווי קורץ: אַלאַ־מאָד־דע־קלייד־ליד!
מיטן ריטם: קנאַק־שעמעטשקעס־ריב־אייזן־דזשעז!!
זינג פון — „זינד!!" — דו עסט ווערימדיקע אַרבעסלאַך — מיט —
צען פוד „שוידערלאַכע" לעכער, — פון שווייצאַרישן קעז!!

גיי אַרום אַ פאַרשטעקטער, מיט דער אייביקער בלום,
אין דער שמאַלציק־אומשטערבלאַכער קליאַפּע פון ריפּס, —
ווערסט דערקענט, אַלס די שלאָנים־וועלט־קונסט — „טום־עט־טום",
נאָכן ריזיקן־שוואַרצן, שוואַרץ־קינסטלערישן שניפּס...

טו זיך אָן אַ וויים, סאַמעט־פּיקייענע וועסט,
אַ לאַ דיכטער „אימפּעראַטאָר" בור־סעמואיל־שטיין,
טו זיך אָן אין דעם גאָר־ר־ר־גל־קנאָפּ־חלום־טרוים־זשעסט,
פון דעם צאַר־רט־מעלאַנכאָלישן הירש־פּרץ־ביין...

שפּיל — די שפּיל!! ניט פאַרגעסן — אַפילו אין באָד!
און ווי גאָט איז דיר ליב — נאָר נישט רייד! — דעקלאַמיר!!
שפּיל דעם „מלאך־אין־גלח" — גיי אום מיט אַ סוד... —
ווי אַ הון מיט אַן איי... און — דו ווערסט — אַפּלאָדירט!!

שרייַב אַזוי, אַז ניט איך און ניט דו, זאָלסט פאַרשטיין, —
באַק אַ ליד אויס, פּריש־היים פונם מיסטישן שניי —
דייַן אורים־ותומים־קריטיק — וועט פאַרטייטשן דייַן מיין:
ס'פּליט אַ קו אויפן דאַך — לייגט אַ חסיד אַן איי!...

ווערסט דער אייביק־זונשטויביקער, סוד־קאַראַהאָד,
פון משה־לעזערס אינטראָ־ספּעקטאָ־צעבראָכענע צייַן, —
דו פּאָעט־אַקראָבאַט ווערסט זייַן דיכטער־ליכט — גאָט,
גאָט איז — גאָט, ווייַל מע, קען גאָר זייַן ליכט, ניט פאַרשטיין!

און דו הערסט — ווי דו ווערסט, ווייט און ברייט, אָנערקענט,
פון דייַן שניפּישאָק־ברוקלין־איסט־פּלאַטבוש קריטיק! —
דייַן דו־דו־דונער־ און בליץ־שאַ־שאַ־שאַרפער טאַלענט,
שפּאַרט אַזש אָן, — שניידט אַזש איבער אויף צוויי — ברוקלין בריק!

דו וואַקסט אויס, מיט אַ קרוין — פון פּאַפּיר — אַ פּאָעט!
אַ ליטעראַרישער בער — אַזש ס'אַ מורא: — בו־בו!! —
און דאָס גראַמט צעך, מיט לאָפּעטעס חניפה, — באַנקעט,
יובילײ — ווינד־אָנוויי! — היטל־דריי — אינטערוויאו!...

——::——

און ווילסט געבן אַ ווער, אַזאַ קריטיקער בער?
איז די הויפּט־זאַך — דער אָנשטעל — וואָס שטעלט אויף די פּיס!
ווילסט זייַן גרויס? — שרייַב פון גרויסע! ס'ווייס די וועלט ווער איז ווער...
און דו ווייסטאָך — מ'דאַרף פ'שטיין אַ געשעפט... — נו, געוויס!...

די הויפּט־זאַך — דאָס האַלטונג: — פון ווייט, — וואַשינגטאָן־שוואָרט, —
און — שטייף! — אַזש צום ברעכן דעם האַלדז און געניק!! —
מ׳גיט אַ פרעגל: „נו, ס׳מאַכט מען?" (אַזוי — ס׳מאַכט ניט אויס וואָר!)
און — פון אונטער די פיס — פלינק אַ כאַפּ ברוקלין בריק!

ס׳הייסט פריינטלאַך, נאָר — ווייסטאַך — פון ווייטן, אַזוי —
אַז מע זאָל נישט דערשמעקן, אַז דו ביסט אַ טכויר...
מעשה „ענו" — ט׳מען מיינען, אַז שפרינגט ניט קיין פלוי —
נאָר — אַ גאָט!! — ס׳לויכט אויף וועלטן דיין שפרוך: „יהי אור!!"...

יעדער „גודל׳ע" שטופּט זיך, אַלץ נענטער — אויבן־אָן,
דאָ לעם דיר, צו פאַרכאַפּן דעם שמאַלציקסטן פּלאַץ. — —
ווען די אמת׳ע פאַלשקייט און חניפה הויבט־אָן,
מע קלייבט פעדער־לאַך־פאַלש פון דיין לאַץ: —

גיב זיך ראַפּטאָם, מיט כוח, אימפּולסיוו אַ ריס! —
מיטן בראַנד פון אַ נביא, די וועלט גיב אַ צונד,
און צעביל זיך — מיט פייער און סם — אַף פיר פיס, —
אין געשטאַלט פון דעם פרינץ — אַלס משוגע׳נער הונט!

און מיט הינטישן יאָמער, אַ יאָג און אַ טראָג,
דורכן שטאָט, דורכן דאָרף, דורכן וואַלד, איבער פעלד;
און הויב אויף צו די בראַנדיקע הימלען אַ קלאָג,
אַף דער פאַלשער, קלאָונישער, חניפה׳שער וועלט!...

1926

פיר קעצעלאַך און איר מאַיעסטעט – אײנע

פיר קעצעלאַך, פיר קעצעלאַך,
און אַלע בלימלדיקע, שײנע,
פיר קעצעלאַך, פיר קעצעלאַך,
און אַלע שװעסטערלאַך — פון אײנע...

פיר קעצעלאַך, פיר קעצעלאַך,
און אַלע לױפן, שפּרינגען, שפּילן;
פיר קעצעלאַך, פיר קעצעלאַך —
און אַלע מיאַוקען: „ע—ס—ן װ—י—ל—ן"...

פיר קעצעלאַך — צװײ טעצעלאַך, —
װײַל, מילך איז נאָר פֿאַראַן פאַר צװײען, —
און ס'לאָקטשען מילך — צװײ קעצעלאַך
און פרײלאַך, מיט די עקן דרײען...

צװײ קעצעלאַך — צװײ טעצעלאַך, —
א מחיה — מילך איז זיס צו לעקן! —
די אַנדערע — צװײ קעצעלאַך,
פאַרשעמט — אַראָפּגעלאָזט די עקן...

1982

ציילט: — איינס, צוויי, דריי, פיר — קעצעלאך,
און אַלע — גלאַטע, קליינע, שיינע. —
נאָר, וויפיל דאַרף מען קעצעלאך? —
— מען דאַרף — אַ קעצעלע; נאָר — איינע.

אין שטוב אריין איין קעצעלע. —
זאָלסט זיין אף מולידיקע יאָרן! — — —
און — דריי, אין דרויסן — קעצעלאך,
— — — — — — — — — — —
דריי ליגן טויט, אין גאַס, פאַרפראָרן. — — —

——::——

די וועלט — געמיין: — האָט נאָר איין קרוין,
פאַר איין געזאַלבטן קעצל־קעניק...
מען טוט אים אָן זיין קרוין און — שוין.
עס דינט די וועלט אים אונטערטעניק...

1927

די דיכטער-קרוין

דאָס פאָלק פאַרמאָגט איין גאָלדענע קרוין, —
פאַר איין געזאַלבטן דיכטער־קעניק:
מען טוט מיך אָן די קרוין און — שוין, —
איך שרייב מיט בלוט זיך אונטער — טעניק...

און בלוט און טרערן — איז מיין לוין: —
דאָס צאָלט מיין פאָלק, זיין דיכטער־קעניק! —
צי קען מען עסן דען די קרוין? —
איך וויל אמאָל אויך א ווארעניק!!

כ'וויל אויך א קרוין... מיר אויך א קרוין, —
באַקלאָגן דיכטער זיך, צום „קעיניס".
כ'פארגים מיין גאנצן טרערן־לוין: —
וואָס קען מען העלפן? — קרוינען — ווייניק. — — —

1927

שפּיל...

שפּילט זיך גאָט מיט זונען און — מיט ס—לייזעלאך —
אין באַהעלטעניש, אין „זיין" — מיט הימל־ערדעלאך; —
קינדער, שפּילן זיך אין זאַמד, אין בויען הייזעלאך, —
אין „גרויסע" טאַטע־מאַמעלאך, — אין פערדעלאך...
און טאַטע־מאַמעלאַכ'עדיקע וועלט —
זי קילט דאָס בלוט,
זי שפּילט ביז בלוט,
אין מאַן און ווייב. — — — —

אין „טרעאַטערלאך", אין — שפּילן זיך,
מיט ראָסל־בלוט, מיט יאָסל־בערדעלאך...
אין סאָלדאַטעלאך, אין שפּילן זיך, —
ביז אמת בלוט, אין „ביקס־ע־שווערדלאך"...

און רייך, מיט אָרעם, שפּילט אין „קעצע־מייזעלאך"...
און „ווייסע", שפּילן — ווי איז זיי — מיט נעגערלאך...
און גוים, שפּילן — ווי איז אונדז — מיט אידעלאך...
קברנים, שפּילן — ווי דער וועלט — מיט רידעלאך...
און פידלער — שפּילן וועלט־יאָמער, דורך פידעלאך..
און איך, — שפּיל זיך, — אוי, ווי איז מיר, — מיט לידעלאך; —
צעקראַץ זיך גוט,
דאָס האַרץ ביז בלוט,
און נחת קלייב...

—::—

לידער, לידער, לייב און זעלע מיינע...
מיינע בלוט־זאפטיקע שפּין־געוועבן; —
ווייסט די כּף־הקל וועלט, וואו דעהיינע,
לאָז איך אייך, מיין פייניק־תענוג שוועבן? —
אליין די שרייאיק־צאַפּלדיקע פּליג...
אליין די שפּין...
„שפּין־פּליג'ע־שפּיל" —
קאַטאָוועס טרייב...

און דו, מיין לידער־קוואַל, פירסט מיט זיך מיך, —
דעם מדבר־דורשטיקן, נאָך שפּיל און לעבן —
צום טיפן נידער־פאַל, ווי שטערן — גיך,
דורך גאָרניש־ניש־נישטאָ'קייט נעבל...

וואו ס'ווינקט די צייט, צו אייביקייט, מיט ווייזערלאַך, —
טרינק פויגל־מילך און מידן־מילך פון וואָלקן־קריגעלאַך...
און פון פאַפּיר — ווי־איז־מיר באַרימטקייט — לאָרבער־קראַנץ,
יאָג, יאָג זיך, מאַך דאָס אייביק־לעבערדיקע טאָרבע — גאַנץ...
גאַלאָפּ, גאַלאָפּ, צום אייביק־יונגן טויטן־טאַנץ...
אַראָפּ, אַראָפּ, צום וואַסערפאַל, און זון־געשפּרייטן גלאַנץ...
פּאַ־טאַ־מאַר־גאַ־נאַ —
צאַ־צאַ־לאַ־לאַלאַ —
מיט זעל און לייב — — — —

1921

VII

„אָרטשארד“...

מיין ישיבה, — אין סלאָבאָדקע! —
וואָס געדרונגען איז דערפון? — — —
אז די גרעניץ, — אַף אַ לאָדקע, —
האָב גע׳גנב׳עט אין יאַטקון? — — —

גרעטכען, איז די טייטשקע — לילית,
האָט פארפירט מיך קיין בערלין. —
נעוו־יאָרק, איז דער טייטש אַף ענגליש:
„נו־יאָרק“ — גליטש זיך שיף, אהין! — — —

און אנשטאָט אין דער ישיבה,
טויך איך זיך, און — זוך און זוך, —
אין דעם טיפן ים פון „סוגיות“,
פון דעם וועבסטער־ווערטער־ברוך...
— — — — — — — — — — —

„אָרטשארד“ מיינט אַף ענגליש: גאָרטן.
„נעוו־יאָרק“? — נו־יאָרק... „זי“ איז דאָרטן!...

וויים איך נישט: צי „יאָרק“ מיינט — שטאָט? —
נאָר — זיכער איז, אז „נעוו“ — מיינט: ניי. —
אפן שוים פון האָפנונג־כוואַליעס,
שווימט מיין הארץ, צו איר, געטריי...

צאַרטע ליבע, האַרטער ענגליש, —
טוליעט איין מיך זיסער שלאָף; —
ווערטער — שטיינער, א בית־עלמין,
שורות — קברים, אָן א סוף. — — —

ניט לבנה, — ס'איז מיין מאַמע, —
שווימט דער שיף פון הימל נאָך...
פּלוצלונג — ס'הויבט די שיף אָן זינקען:
אומגליק! גרויסער, טיפער בראָך!

אָט! אָט... ס'טרינקט זיך מיין ישיבה,
מיטן גרינעם דאָך פון מאָך.
(ערשט נאָך אזא גוטער וועטשערע,
נו, נאָך דאָס־אָ פעלט מיר נאָך...)

קען איך נישט פאַרשטיין דעם אומגליק,
אז עס טרינקט זיך אונדזער שיף, —
בלויז אין טרוקענעם ים פון ענגליש,
אין דעם „וועבסטער"־אָפּגרונד טיף...

באַ דער מומען, עס איך שבת...
ס'פעלט מיר נאָר פינף „טענ" צום וואָך...
— — או—ף... און ס'פליט לבנה־מאַמע...
מיט פליגל ווײַס אַף מיר אַ פּאָך: —

———::———

„... נו־יאָרק!!" — — — נעוו־יאָרק! — פּלאַצט מײַן שכן, —
שטײ שוין אויף! וואָס שלאָפסטו, וואָס?
טאָרעט מיך מיטן עלנבויגן,
און ער שנעלט מיך אין דער נאָז...

וואַש איך אויס די חלום־אויגן,
מיטן דופּטיק־כשר'ן זייף,
כאַפּ די סקריפּעדיקע קערבלאַך,
כאַפּ מײַן ציטריק האַרץ און — לויף...

———::———

ס'אַרא מורא'דיקע מויערן,
כ'הויב דעם קאָפּ אויף הויך־הויך־הויך...
און די באַנען אַף די דעכער,
ס'פרעסט זיי אויף דער שטויב און רויך...

און מיין האנט זוכט אויטאמאטיש,
צי מיין בערשטל ליגט אין טאש:
טאמער פאלט אף מיר א מויער, —
ווייי — וואס טונען שטויב און אש...

טאמער פאלט ארויף אן „על"-באן,
אף מיין נייעם קאפעליוש: —
ס'לאנד פון שטויביק-גאלדענעם צופאל, —
אינדערוואכן — זיידנס, פליוש!

——::——

!!! היינט!! באנאכט!! אין וועבסטער „האל"!! היינט!!!
וועבסטער: „האל"? — לויט וועבסטער: „זאל"...
מאכן דזשוועניש-אקער „לאנץ-לאט"
פאר — בענע—וואלענטן — א — באל! (?)

דער אנאנס, — אוי, כישופ'ט, לאקט מיך,
שרייט און בעט און רופט און גלעט:
„דארט וועט קומען — ליבע-בלומע...
פופציק סענט בלויז א בילעט..."

דער טעלעפאן איז „ארטשארד" — — — גארטן...
בליט מיין ליבע-בלומע דארטן? — — —

——::——

ראַצן קראַצן, טאַצן — פּלאַצן!
כוואַליעט זיך דער ים־יונג־טאַנץ...
שווימען, שוויים־געקלעפּטע פּאַרלאַך,
אין דעם ים „עלעקטראַ־גלאַנץ". — — — —

וואונדער! — דזשוועניש־אַקער — „לאַנץ־לאַט"? —
ריידן גאָר גאַליציש דאָ?! —
וואָס־זשע פּלאָנטער איך זיך דאָרטן,
אפן וואַנטזייגער, די לעצטע שעה?...

יאָמערט ס'האַרץ מיינס: ליבע־בלומע?! — —
שמייכלט איינע צו מיר: — „נאָ!" — — —
„נאָ" — פאַרשטיי איך מיידליש, ענגליש, —
מיינט איר שמייכל, אידיש — יאָ! — —

ראַצן קראַצן, טאַצן — פּלאַצן...
לאַכט פון מיר דער סאַקסאָפאָן. — — —
איז די וועלט צעשטערט געוואָרן?
צי זי הויבט זיך איצטער אָן? —

חלום!... בין איך אױף דער װעלט דאָ?...
בין איך שוין אַמאָל געװען?...
— אפשר איר, אַהיים באַלייטן?
„װען קען איך „זי", מאָרגן זען?" —

— „כאַ־כאַ־כאַ! אַהיים באַלייטן?"
„פּי, באַנאַל!" — — „אָל רייט": — גאַנץ פיין. — — — —
... מאָרגן אָװנט, אַכט דעם זייגער: —
„פלאָרא, אָרטשארד, 11—10—9" — — — —

——::——

... ראַצן קראַצן? טאַצן פּלאַצן?
די „מוזיק" גרילצט מאַנאָטאָן? —
ניין — אַ מלאך שפּילט אױף האַרפן,
מיין ציטער־האַרץ אין טעלעפאָן: —

„קלינג־קלאַנג: אָרטשארד.... גלין־גלאַן, אָרטשארד!"...
בלומען? פויגל? נו — געװיס! — — — —
לייכט, איך שװעב דורך גאַס און געסל, —
פליגל־פלאַטער, פידל־זיס...

הארפע־הארץ מיינס, קלינגט צום קלאַנג אוים:
„פלאָרא, אָרטשאַרד 11—10—9".
זי קומט פון עסטרייך... (ס'הייסט גאַליציע).
עסטרייכיש קלינגט'ס „פלאָראַליין"...

„אָרטשאַרד" מיינט אַף ענגליש: גאָרטן;
בליט מיין בלום — מיין פלאָרא דאָרטן!

ווען מיר שפּאַצירן, זינגען,
צווישן בוימער, אַפן גראָז,
ווען מיר ווערן פון זינגען —
לאַדט אונדז איין אַן אַלטער שלאָס...

ווען מיר ווערן פון רוען, —
פלעכטן מיר א ליליען־קראַנץ,
טו איך אָן דעם קראַנץ מיין פלאָראַן,
טוז — א לאָז זיך אין א טאַנץ...

— — — — — — — — — — — — —

——::——

אָרטשאַרד — איז אַף ענגליש — גאָרטן,
נאָר, אַף אידיש — פוילט מען דאָרטן, —

ניט קיין בוימער, ניט קיין בלומען,
נעם, כאָטש שטאַרב דאָ, פאַר אַ גראָז; —
שטשירען שדים, פוילע ציין אוים,
בלייב איך מיט אַ לאַנגער נאָז...

— — — כאַ־כאַ־כאַ! — באַגריסט מיך פלאָרא, —
ווערט מיר אַזוי היים און קאַלט...
זעסט: די „בוימער", בלומען" — „בליען"
אַף דעם „פּרוכטבאַרן" אספאַלט? —

ווילסט אַ שלאָס? — ניט איינעם, — טויזנט! —
„שלעסער" — אַלטע, אַזש פאַררָאסט!... —
ס'האָט מיין טאַטע, אַלס ירושה,
אונדז (פּרינצעסנס פינף) געלאָזט...

דאָ, באַם שטוּפּ־וועגל, מיט אַלטוואַרג, —
אַ ווייסע באָרד... אַ פּאַטריאַרך... —
פון דער אָרטשאַרד־לופט, געשטאָרבן...
צו שאַרף געווען פאַר אים — צו שאַרף...

ווילסטו הערן פויגל זינגען? —
— — — קויפט, קויפט שלעסער אַלט — אַנטיק! — — — —
— — — אין — די —שלע־ע־סלאַך ליגט פאַרשלאָ־אָסן — — — —
— — — וו־ע־עלט — און פ־ע־עלק־ע־עררדס, גרע־ע־עסטע־עס גליק.————

איילן מענטשן... זינגט „דער פויגל״,
נישט „אָנערקענט״ פון פּרעס־אַגענט...
איינער נאָר סאַרקאַסטיש שמייכלט:
„... אַ פאַרלאָרענער טאַלענט״...
— — — — — — — — — — — — —

——::——

„אָרטשאַרד״ מיינט אויף ענגליש — גאָרטן:
אהרן׳ס „מאַנדל־שטאָק״ — בליט דאָרטן.

שטייט אַ איד, באַם וועגל אַלטוואַרג,
פליט זיין דמיון, ווייט... — ווייט... — ווייט...
זעט ער, דאָרט: — האַלב־וועלף, האַלב־מענטשן,
איינער בראָמסקעט ס׳קינד זיינס — — — קייט...

הויבט ער אויף די צײן אין שרייען: —
„... קויפט אנטיקן! קויפט, אוי־אוי!" —
ניט צום פּאָר — אַ „פּאָר" סאנדאַלן!!...
געלע „איינגעמאַכטס" אַ סלאָי!...

אַ שווערד און — סם, צו שרעקן וואנצן... —
פעלקער'ס בלוטיקסטער אינטערעס...
אַ בוך מיט רעדעס (פּאָר בר־מצוה'ס) —
פון פעלקער־ליג־אין־דר'ערד קאָנגרעס! — — — —

„ציערס", „שפּריצערס", בערד, פּאַריקן, —
„אוצרות", „גאָלדוואַרג", ברוין־און־בלאָ,
צוויי פּאָרטרעטן — אָריגינאַלן,
קונסט, פון מיכל אנדזשעלאָ! — — —

פּאָר אַ מבין — אַ מיליאָן ווערט! —
— — — „ס'צעך געהאַנגען אַ פּאָעט", — — —
האָט זיי אָפּגעקויפט אַ טענדלער,
צוזאַמען מיטן שוואַרצן גרעט...

מיט אַ ווערטער־בוך פון גראַמען,
אַ פאַרראָסטע אייזן־בעט,
שלאָפט דאָרט אָפּגעניצטער „וועלט־שמערץ", —
פּעסימיסטיש־שוואַרץ און — פעט...

——::——

„אָרטשאַרד" מײנט אַף ענגליש — גאָרטן ? —
— לאָכט זי : — װעלקן פלאָראַ'ס דאָרטן...

בוימער ? בלומען ? — כאַ־כאַ'ט פלאָראַ, —
קמץ־חתן, חולם־נאָז ; —
זעסטו דאָרט, דאָס בוידעם־שטיבל ? —
מײַן פאַרשלאָסן צװיבער־שלאָס. — — — —

בלויז אין נעכט, פון גרויסע רעגנס,
רינט אַרײַן, פון אַלטן דאַך ;
מאָלט דער רעגן װאַסער־בלומען,
אַף דער װאַנט, אַ סך... אַ סך...

קום, — פאַר דיר בלויז איז עס אָפן ; —
נעם מיך צערטלאַך פאַר דער האַנט, —
װעלן מיר אַ ליבע שפּילן,
פאַר די בלומען — פון דער װאַנט. — — — —
— — — — — — — — — — — — — — —

1914

„פּאַלמען-קוואַלן"

שאַ, בוימער, — שטיל, בלעטער; —
שאַ, פויגל, — שטיל, קוואַלן...
לאָזט הערן; —
דעם אָטעם האַלט איין אַ מינוט; —
צי איז עס דאָס רוישן פון אייך דאָ אין דרויסן? —
צי אינווייניק, — איז עס דער רויש פון די שטראַלן, —
וואָס רוישט אין מיין שטורעמדיק-אייביק-יונג בלוט? — — — —

ווײ־ווײ־ווײ! —
ווי עס זינגט מיין רויט בלוט!... —
ווי עס שפּרינגט מיין היים בלוט! — — — —
אָט־אָט־אָט, — און מיין הויט און מיין האַרץ —
מיינע אָדערן —
טוען אַ פראַל, —
אַ פראַל־אויף הויך צום הימל, —
מיט הייסן פאַרלאַנג,
מיט רויטן געזאַנג —
צו דער זון, פון זומערדיקן ווינטער! —
צו דער זון, וואָס פאַרשווענדעריש־רייך
לאָזט היינט צעשמעלצן, פליסן
אירע אַלע אוצרות־ים'ען גאָלד —
דאָ אַף דעם געבערגלטן
ווילדן בערגער־וואַלד
פון די „פּאַלמען־קוואַלן". — — — —

דאָ אַף דעם סקאַליקן
טייך־און־וועג־און־וועג־און־טייך: —
וואָס שלענגלט זיך אַרוים
געהיימניספול, היים, —
ווי די קלאַפּער־שלאַנגען —
צוזאַמען מיט די קלאַפּער־שלאַנגען, —
פון אונטער האָניק־טיטלדיקע פּאַלמען —
„ — — — פּאַלמען־קוואַלן — — —"

שטראַלן־גאָלד און קוואַלן־זילבער —
שפּיזלען די סקאַלן און וואַרפן — — —
ריזלען זיך, פאַלן און שאַרפן,
שפּילן מיט זוניקע פינגער, —
היים־זוניקע קלאַנגען
אַף גאָלדענע סטרונעס
פון זילבערנע האַרפן. — — —

יאָגן זיך,
כאַפּן זיך...
קושן זיך...
קלאַפּן זיך...
שלאָגן זיך...
און פאַלן — — —
פאַלן — — —
פאַלן — — —
פון די ווילדע
מירמל־טרעפּ,
אויף מירמל־סקאַלן —
ווילד־געשפּיצטע
ויידע־באָבע־קעפּ. — — — —

צעשפּריצן זיך...
צעשפּרינקלען זיך...
צעבליצן זיך...
צעפינקלען זיך...
אין רעגנבויגנס מיט רעגנבויגנס — — —
פּערל־גאָלד־און־זילבער־גלאַנץ. — — —

צעגליטשן זיך...
צעשפּאַלטן זיך...
דאָ שטיפעריש־תּאווה'דיק־קרום — —
באַהאַלטן זיך...
גייען, זיך דרייענדיק אַ טאַנץ: —
אַריין און אַרויס — — —
אַרויס און אַריין — — —
אַרום און אַרום — — —
— — און — — — צוריק!! — —
„— — זען־וואָס־הערצאַך?" — — —
בלויז „כאַפּן אַ בליק" — — —
דאָ — שטיפעריש־תּאווה'דיק־קרום,
דאָ — בהרחבה'דיק־גאווה'דיק־גלייך, —
האַמערנדיק און פּויקנדיק,
מיט סקאַלן־שפּיצן וועג־און־טייך —
אַף שפּיצן־סקאַלן טייך־און־וועג, — —
דורך אונדזער לאַנגן־קורצן,
„שפּרינג־און־וינג",
אין זומערדיקן־ווינטער־זון־פּאַרפּלאָמטן־
בחורים־נאָך־מיידלאַך־געיעג — — —
אין ווילדן בערגער־וואַלד,
אַף קוואַלן סקאַלן,
הויבן־זיך־און־פּאַלן־
הויבן־זיך־און־פּאַלן־
הויבן־זיך־און־פּאַלן־טאַנץ!! — — —

1915

„גלײַכהײט“

איר, רשעים און נאַראָנים,
און איר, קצינים און דײַנים, —
נאָך די אַלע זיסטע פֿרײדן, —
קומט דען נישט דער װיסטער־בײזער,
זיסער, שטילער, גוטער מלאך —טויט?

איר צדיקים און — חכמים,
און איר אידן, און איר גויים, —
נאָך די אַלע װיסטע לײדן, —
קומט דען נישט דער זיס־דערלײזער,
זיסער, שטילער, גוטער מלאך — טויט?

טאָ קומט־זשע, אַלע־אַלע־אַלע!
איר צדיקים און רשעים,
און איר קצינים און קבצנים, —
פֿלעכטן זיך אין טאַנץ צוזאַמען, —
אונטער פֿליגל פֿונם מלאך, — טויט! — — — —

טאָ קומט־זשע מײז, און חתן־כּלה,
װײזל־טהירן, אידן, גויים,
מלכים, װערים, לײז, יחסנים.
קינדער — אַלע, אונטער מאַמעס
זיסע, גוטע מלאך־פֿליגל — טויט! — — — —
1920

מײַן זיבן־קאָליריקער פױגל

אין זיבן־קאָליריקן לאַנד,
פֿון אײביקער יוגנט און רעגנבױגנס,
אױפֿן מײלן־הױך װאַלדיק־געבערגלטן קאַרק
פֿון אַן אוראַלטן באַרג,
װײַט צעשפּרײט, לאַנג און ברײט, —
װי פֿון אַנדערע, פֿרעמד־װײַטע װעלטן, —
דער חלום פֿון אײדערן אײדער,
פֿון פֿאַרן בראשית; —
װי אַ זכר געבליבן,
פֿון מיליאָנען יאָר פֿריער, פֿון פֿאַרן — „אַ מאָל”...
מיט װאַסער און פֿײַער פֿון בראשית פֿאַרשריבן,
אַ װאונדער לעגענדע, —
שרײַט אַרום מיט זײַן שטילקײט, —
אַ טיף־טיפֿער, בלאָ־גרינער טאָל,
אַזאַ מאָנסטער־מויל־פּחד — אַ טאָל. —
אַזאַ טאָל, װאו די האַנט פֿון בראשית, האָט צעװאָרפֿן אָן צאָל,
װי געזאַנגען, סימפֿאָניעס,
קאַטאַקאָמבן, קאַטעדראַלן,
װאָס שרײַען פֿאַר פֿוסטקײט, אַרױף צו דער שרײַאיקער זון,
צום בראשית אױסגעמײסטערט אין צײלן.
װאָס שרײַען אין שװײַגן, געהילט דורך װאָלן,
פֿון דורכזיכטיק־לױטערן קטורת־לאַזור; —
רױט — קאַרניזן, גרין — זײַלן, געפּײלט, שאַרף געשליפֿן,
מיט פֿאַרנעם פֿון דער גרױס־קונסט, פּילפּאַרביק געמאָלן,
פֿון מיליאָנען יאָר שטורעמס און װינטן — דאָס שטיפֿן
מיט קינסטלער־קאַפּריזן, דורך װינט־פֿײַפֿעיאָלן,
מיטן בלוט פֿון דעם בליץ־אױסגעװײטיקטער אַרכיטעקטור...

און טיף אױפֿן גרונט פֿונעם טאָל, —
װאַוינט אַן אוראַלטער װאַלד;
באַם צופֿוסן פֿון װאַלד, —

פאַלט און שניידט, לויפט און שרייט,
אַזאַ ברויזיקער וואַסער־פאַל — שטייניקער טייך, —
אַ סימפאָניע — סמבטיון־לעגענדע,
וואָס זינגט דאָס געזאַנג פון בראשית — אָן אָנפאַנג,
בראשית — אָן ענדע...
האָרכט דער אייביקער וואַלד, צו דעם אייביקן וואַסער־געזאַנג,
וואָס דערטרינקט זיך, אַנטרינט און צערינט זיך געהיים,
דורך די קונסט־קאַטאַקאָמבן און הייל͏ן,
פון דער דרויסנדיקער אָפענער וועלט,
פאַר דער טיף־אונטערערדישער וועלט,
פון לבנה־זון־שטערן די וואונדער דערציילן...
און טיף, צווישן די בוימער, אין אוראַלטן וואַלד,
וואוינען בוימער — יחידים,
אין ערנסט־פּאַרטיפטע,
די קעפ, מיטן הימל באַהעפטע, —
אומגלויבלאַך־אוממעגלאַכע בוימער,
פון ריזיק־פאַנטאַסטישער גרויס;
און האַלטן זיך, — טראַכט איך, — אַזוי
ווי די בלעטעלאַך זייערע —
קליין. — — —

פיל איך — איך גאַפ און איך ציטער,
מיט אַ נאַריש, געל בערדל אַ שיטערס.
וויל איך אַ כאַפּ טאָן מיין „איכל"
אַזוי — פאַר די פּלודערקעס,
„אים" געבן אַ שטעל אַף דער סני,
קאָפּ־אַראָפּ,
און אַ שנעל אין דער נאָז און — אַ בלאָז:
דו ניב'זיק! — אַ—ר—ר—אָפּ! — — — —

שטיי איך און גאַף
אַזוי חוזק'לאַך שלאַף. —

קומט אַן שטיל צופליען א — — וואונדער: — —
— פון ערגעץ, מיט זיבן קאָלירן, א — פויגל, —
— — אַליין — — — —
איינער אַליין, אין דער טויזנטיאָר־שרייאיקער שטילקייט,
און שניידט מיט זיין שטילקייט,
און שניידט מיט זיין — זיין,
אין דער טויזנטיאָר־שרייאיקער שטילקייט אריין. — — —
קוקט מיך אָן, אזוי פרעמד, אַנדערשוועלטיק,
באַקאַנט — אומבאַקאַנט. —
מיט א פאַרשנדיק אויג — א קאָראַל,
מיט זיין גאָלדיקן קרוין־קאָפּ
קאָקעטיש עטוואָס אויף א זייט און — געבויגן,
אַף איין פוס — און דער אַנדערער — עטוואָס געהויבן.
אזוי — האַלב־פאַרקלערט און — עטוואָס ניט דערהערט...
צעעפנט דעם גאָלדענעם שנאָבל — און —
— — — ששש—ששאַ: —
פון מיסטעריען מיליאָנען יאָר ווייט: —
שיקט ארויס אין דער ווייט אזוי, גאָלדיק און — דין
אזא ציטריקן קלונג — אזא זונג:
„... פידלללזונג... צימבללליונג... דינגלדין" — — —
— —
און עס טוט פון מיסטעריען־פאַרכישופ׳ט,
צעשמאָלצענער גאָלד, מיט א גאָלדיקן קלונג,
אין דיין קלינגענדיק בלוט הער און הין א צערין:
פידל־זונג... צימבל־יונג... דינגל־דין — — —
— —
און — — ש־ש־ש־אַ!!: —
פון פאַרגאַנגענע פרעמד־ווייטע וועלטן,
א — פייף: — — — —
„פיפאַיאָלללל... פלוט־א־פילללל... טשיפיטשאַפייףףף!..."
— —
שאַרף א שנייד, פונם וועלט־האַרץ ארויס, —
אין מיליאָנען יאָר שרייאיקער שטילקייט אריין!

אוּן עס שנייַדט און עס שרייַט, איבער וועלטן דער פּייַף:
„... באַגרייַף! אונדזער וועלט, — אויב דו קענסט, טאָ באַגרייַף"...
„... ווי דער פויגל, דער בוים — און דער מענטש פונם וואַלד; —
אָן קיין „מייַן", אָן קיין „דייַן", אָן דעם: „זייַן? צי ניט זייַן?"! — — —
טוט אַן ענטפער די וועלט דורכן אוראַלטן וואַלד: —
„... פידל־זונג... צימבל־יונג... דינגל־דין..."
„... ווי דער פויגל, דער בוים און דער מענטש פונם וואַלד..."
„... אָן קיין „מייַן", אָן קיין „דייַן", אָן קיין: „זייַן? צי ניט זייַן?"! —
„... פּפּיפּאַיאָל.... פּפּפליטאַפּפילל... טשוויפּטשאַפּפּייַפּפּפּ!" — — —
פון מיליאָנען יאָר שרייַאיקער שטילקייט אַרויס,
אין מיליאָנען יאָר שרייַאיקער שטילקייט אַרייַן. — — —

און מיט זון, אין די ברייטע, צעעפנטע אויגן,
קוקט פאַרגליווערט מייַן זיבן־קאָליריקער פויגל,
אַזוי צאַרט און — דאָך אייַנגעשפּאַרט־האַרט און — ער וואַרט: —
צום הימל, דעם שנאָבל אין האַלדז —
ווי אַ האַרף, אויסגעבויגן און שאַרף,
קוקט דער פויגל — צו מיר, איך — צום פויגל,
פאַרגליווערט און — שוויַיג — — —
טוט דער פויגל אַ הוידע — מייַן האַרץ און — דעם צווייַג...
אַ שפּרונג — אַ פאַרנויג מיטן גאָלדיקן קרוין־קאָפּ:
„... אַ גוט־מאָרגן דיר, מזרח!..."
„זאָלסט זייַן געגריסט, מערב!..."
אַ געבויג מיטן סקאַרלאַט־רויטן האַלדז:
„... זייַ געבענטשט, דרום!..."
אַ צעפּאָך מיטן פעכער — דעם שניי־ווייַסן עק:
„... זייַ געזונט, ווייַט־ווייַטער צפון!" — — —
אַ צעשפּרייט, לאַנג און ברייט, מיט די זיבן־קאָליריקע פליגל,
און — —
— — — — — אַ—אַ—ו—אופּ—פּ—פּ; — — — — —
מיט מייַן פלאַטערדיק, טויזנטיאָר־שרייַעדיק האַרץ,
און געשרייַ פון דעם טויזנט־יאָר וועלט־ווייַנד־און־ווייַ —
אין מיליאָנען יאָר שרייַאיקער שטילקייט,
אַ פייַל פון דעם בויגן —
אַוועק, איז מייַן זיבן־קאָליריקער פויגל — — געפלויגן. — — — —

1916

בלוט-ווייַן

אַ, וועלט, שוין גענוג מיר, ביז בלוט, פאַר דיר טאַנצן,
אַף גלאַנציק, אַף שפּיציק צעבראָכענעם גלאָז.
שוין גענוג מיר, בלוט־זאַפטיקע טרויבן, דיר פלאַנצן,
ווייַן, טרעטן — ביז בלוט — זאָל דיר שוימען אין כוס...

און דו — אין שיכּרות — צעברעכסטו די העלדזער פון פלאַשן,
מיט די ציין, מיין בלוט־ווייַניקן האַלדז, — נעמסט אַ מאָס,
ס'ליגט אין בלוט דיר — אין בלוט־ווייַן־אין־ווייַן־בלוט זיך וואַשן,
ווי דער טיגער, — לעקסט אומשולדיק ס'בלוט אָפּ פון נאָז. — — — —

מיר זייַנען צוויי שותּפים: מייַן — בלוט און דייַן — זויפן!
נאָר, ניט פול: דיר — מיט בלוט, מיר — מיט גיפט שרייַט דער כוס,
און ניטאָ קיין „גענוג" פאַר דיר — זולל־וסובא! —
וואָס דו קענסט נישט פאַרשלינגען — שרייַט מייַן בלוט אונטער שלאָס...

איך בין מיד נאָך דייַן וועלט־טאַראַראַם נאָך צו טאַנצן,
אַ, וועלט, איך צעשייד זיך מיט דיר אָן פאַרדראָס —
איך וועל שטיל, ווי אַ גראָז אין אַ טאָל זיך פאַרפלאַנצן...
וואו שלינג און שלאַנג שלייַנגלען זיך שלאַנגען אין גראָז!...

און אין תּפילות פון שלאַנגען, — מיט שלאַנגען וועל טאַנצן,
אַ געוויקלטע שלאַנג — מייַן „של־יד" און „של־ראש"...
זאָל דאָס וויקלען פון שלאַנגען מייַן בראָך מיר פאַרגאַנצן,
ביז — אַ שלאַנג וועט פאַרפולן — מייַן גיפטיקן כוס!...

——::——

אַ, וועלט, שוין גענוג מיר ביז בלוט פאַר דיר טאַנצן, —
אַף דייַן שיכּרות־צעבראָכענעם שפּיציקן גלאָז,
שטאָט דייַן לאָרבער — אַ שלאַנג זאָל מייַן קאָפּ מיר באַקראַנצן!
און דער וועג צו מייַן היים — זאָל פאַרוואַקסן מיט גראָז!...

1932

אינהאַלט:

I

פאַרן אייביקן אויטאָ־דע־פע — 9

אָפּן וועלט־יאַריד — 33

II

טהי ביוטיפול סנאָו — 49

דער לבנה'ס איידימל אָף קעסט — 51

שלעכט נאַאיוו — 53

מיין ליד צו אייך פאַרצווייפלט — 56

און די וועלט איז נאָך אַלץ נישט באַפרייט — 58

פון דער סעריע: „סדום" — 60

מיר—„ליבעראַלן" (ספּעקטאַקל) — 61

נעגער ספּיריטשואַל — 69

מיין צאָרן גייט — 71

דער דייטש און דער טענדלער (פון אַלע טאָג) — 72

דער מולדיקער קצב — 73

סיוּווייבל מיטן קינד — 74

„סאָב־ווײַ" — 75

דער סאָציאַליסטישער רעדנער — 76

תורה—איז די בעסטע סחורה — 77

אין קעניגרייך „נישט־געדייגעט" — 80

אי—אַלס „מיטל", אי—אַלס „ציל" — 85

„ציבעלעזאַציערקע"—ציוויליזאַציע בלע"ז — 89

„וואָס איז די וועלט?" — 91

נעם און זאַלב זיך פאַר משיח — 92

III

רין... רין... מיין בלוט, רין... רין... — 97

די וועלט איז ניטאָ אין דערהיים — 108

מיר ביידע, איך—און יעהאָווע, נעבאָך — 120

IV

אין טרויער — 127

וואונדער — 128

דאָס געשריי פון דער שטילקייט — 129

שווייגן — — — — — — — — — — — — — — — — — — 132
איך וועל אוועק אין ניוועץ — — — — — — — — — — — — 134
אין צענטראל פארק פון ניו־יארק — — — — — — — — — — 136
די שניי־בלום — — — — — — — — — — — — — — — — 138
באַם שפּיגל — — — — — — — — — — — — — — — — — 139
עלנדע — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 140
מיין געליבטע? יאָ—מיין געליבטע! — — — — — — — — 141
צו דער אייביקייט—זון־גאָלד — — — — — — — — — — — 142

V

יס פון אונדזער גאָל און פלוך — — — — — — — — — — — 147

VI

דער טרויער פון „דערשיינען" — — — — — — — — — — — 171
מיר דיכטער—ציגיינער — — — — — — — — — — — — — — 172
יעהאָוואַ — — — — — — — — — — — — — — — — — — 174
קינדערלאך—נאָט אייך אַ ביכעלע — — — — — — — — — 179
אייער פוסטקייט — — — — — — — — — — — — — — — 180
עמיץ געניצט — — — — — — — — — — — — — — — — 182
הוליאַ־יאָלדאַ מעלאַזאַנדאַ — — — — — — — — — — — — 183
טשעריטשאַן און ווענוס־שליוראַ — — — — — — — — — — 184
דער איניזיכיז־מאָדעניזם — — — — — — — — — — — — 186
גיי, ווער אַ פּאָעט—אַ קלאַג אָף דער וועלט — — — — — — 188
פיר קעצעלאך און איר מאַיעסטעט—איינע — — — — — — 191
די דיכטער־קרוין — — — — — — — — — — — — — — — 193
שפּיל — — — — — — — — — — — — — — — — — — — 194

VII

„אָרטשאַרד" — — — — — — — — — — — — — — — — — 199
„פּאַלמען קוואַלן" — — — — — — — — — — — — — — — 210
גלייכהייט — — — — — — — — — — — — — — — — — 213
מיין זיבן־קאָליר־קער פויגל — — — — — — — — — — — 214
בלוט־ווין — — — — — — — — — — — — — — — — — 218

די ווערק פון א. י. קריזאַווסקי

●

1טער באַנד (לידער־בוך)

„מיינע האַרציקע געזאַנגען“

דערשינען 1919 פרייז 1 דאָלאַר

●

2טער באַנד (פּאָעמען און לידער)

„ב ל ו ט - װ ו י י ן“

דערשינען 1933 פרייז 2 דאָלאַר

●

— עס ווערן צוגעגרייט צום דרוק: —

„בריוו צו הולאַיאַלדאַ“

„פון אַ וויטן גרינעם שטערן“

3טער באַנד (עסייען און עפּיגראַמען)

פרייז 2 דאָלאַר

●

„פאַרביי שלאָסבאַרג — אין דער וועלט אַריין“

4טער באַנד (רייזע־בילדער און דערציילונגען)

פרייז 2 דאָלאַר

●

„ג ע ז אַ נ ג“

5טער באַנד (מיט מוזיק און צייכענונגען פון אויטאָר)

פרייז 1 דאָלאַר

●

די וואָס „ווילן“ זיך אַבאָנירן פאַר אַלע 5
בענדער, קענען באַקומען די ערשטע 2 בענד
שוין איצט, און די אַנדערע 3 בענדער
——— אין זומער פון 1933 ———

אַלע 5 בענדער פאַר 5 דאָלאַר.

●

פאַרלאַג „ימיינאַנילימילי“
"IMEINANILIMILI"
249 East 13th Street
New York, N. Y.